חיים יצחק בונין.

841.11 אינ

# די ענטפלעקונג פון דעם גרויסען שאטען

אינהאלט:

א) „און וואו בין איך?"; ב) די קלדה און די ברכה; ג) הפכים; ד) צוויי זייגערס; ה) אידען און אידענטום; ו) איין נשמה און פינף געשטאלטן; ז) דער איינזאמער און זיין שאטען; ח) די ענטפלעקונג פונ'ם „אני מאמין!"; ט) „התגלות האדם"; י) שרשים; יא) בריקען.

הויפט־פיצרקויף

פערלאג א. גיטלין, ווארשא, נאלעווקי 1.

אלול תרפ"ח

Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1941: 12952
4-VI A
3842

Drukarnia „Rekord" Warszawa. Dzika N-18.

# קאַפּיטעל א

## „און וואו בין איך?“

### א

איהר ווייסט דאָך מסתמא די מעשה׳לע מיט׳ן אינגעלע?

אַמאָל אין אַ פרימאָרגען, אַ אינגעלע האָט זיך אויפ־געהויבען פון שלאָף.

איז דאָס אינגעלע אויפגערוימט ביי זיך, אויפגערוימט ביז גאָר אַזש דאָס גאַנצע קערפּערל זיינס האטשקעט זיך פאַר גדולה איהם אינערווייניג...

און אויפ׳ן פּנימ׳על לאַשצעט זיך א שטילינקע רוהיקייט, צו זיך אַליין לאַשצעט זי זיך...

און די אויגעלאך אויך, ווי די לייטזעליגע שטערענדלאך, היפּערען אום הין און הער, אַרום זיך.

פאַר התפּעלות שפּרינגט דאָס אינגעלע אום איבער׳ן שטוב. דוכט זיך, אַ שפּרודעלדיג קוואַל שווימט איבער׳ן שטוב און בלעזעלט זיך.

---

*) פריי איבערגעאַרבייט פונ׳ם העברעאישען כתב־יד.

## ב

וואָס איז די שמחה מיט דיר, אינגעלע?
עס פרעהט זיך, אַזוי זיך, אינ׳ם קינדישען וועלטעל אריין...
עס פּצהלט איהם גאָרנישט. וואָס דאָס אינגעלע דאַרף–אַלצדינג איז איהם אויף די אויגען: דאָס העפטעל מיט׳ן מעקער און מיט׳ן קליעק, דאָס ביכעל און די פעדער–אַלצדינג אין טאָרבע, און די טאָרבע, ווידער, איז אויפ׳ן טיש, די שיך אונטערן טיש, און נאָך אַנדערע זאַכן זיינע ליגען אויך אויף אַ אָרט, אויפ׳ן בענקעל ביים בעט. –

הכלל, עס איז איהם גוט, ווי גאָר דער וועלט. –
פלוצלינג–סטאָפּ! אין מיטען שטוב אַ צוגעשמידטער! ווי דאָס וועלטעלע זיינס האָט זיך איהם איבערגעדרעהט קאַפּויר!
און פונ׳ם גאַנצען אינגעלע איז געוואָרען – הייפּעל שטומקייט; אַ קליין וויספּעלע, אַ איינזאַמס, אין אַ מיטען שטראָמיג טייכעל...

## ג

וואָס אַזוינס איז פּאַרלאָפען מיט דיר, אינגעלע?
זיך אַליין האט עס ניט געפונען!
שטוינט דאָס קינד:
„און וואו בין איך?"
איהר קענט איהם, דאָס אינגעלע?
וואָס? איר קענט איהם גאָרניט?
דאָס זיינען דאָך מיר אַליין!
דער מענש פון אלף הששי, הייסט דאָס!
יע, מיינע פריינד, אַ שענע מעשה׳לע, אָבער נאָר פאַר׳ן

איינגעלע; פאַר איהם איז דאָס אַ ריינער, אומשולדיגער ליגען: דאָס אינגעלע איז, לעולם, פאַרהאַן, איהם דוכט נאָר, אַז עס איז נישטאָ.

אָבער פאר אונז, פאַר די דערוואַקסענע פאַרשוינען פון עק ביז עק, איז דאָס די נאַקעטע ווירקליכקייט אַליין! פון דעם שענעם ליגען טאַרטשעט אַרויס דער ביטערער אמת: דאָס איז אונזער חרס-הנשבר'דיגער „זיין!"

# ד

אָרימער, נעבאכדיגער מענש!

מאַך דיר אויף די אויגען און קוק זיך גוט אַרום, וועסטו שוין זעהן, וואו דו האַלטסט אין דער וועלט:

וואו נאָר אַ לעבעדיג נפש מיט אַ קאָפּ אויף די פלייצעס און אַ ריח פון קולטור אין די נאָזלעכער — ביסטו פאַר איהם אי דער טויט-מאטיוו אי דאָס לעבענס-געזאַנג!

און וואו נאָר אַ פאַסטוך מיט אַ פייפעל — ביסטו דאָרט דאָס בידנע שעפסעלע!

וואָס נאָך ווילסטו, מענשען-קינד? נאָך וואָס?

אַלע דיינע אָבגרונדען זיינען דורכגענישטערט, אויס-געצעהלט און אויסגעמאָסטען זיינען אַלע פעדים דיינע, וואָס קנוילען דיך איין אין דעם גרויסען „עולם ומלואו", אַזש ביז ביז דעם נערוו פון דעם „מענשעלע אין די שווארצאפּלען!"

וואו נאָר אַ האטשעק פאַר הימעל און ערד, הענגט דאָרט דיין בילד, אמאָל, אמת, געגליכען צו אַ שוואַן, וואָס ציהט אַזש אין הימעל, און אמאָל גאָר צו אַ וואָרים, וואָס פויזעט אויף דער ערד.

וואָס פעהלט דיר נאָך, מוטער-מענש, פויגעל-מילך, אפשר, פעהלט דיר?

וואָס אמת, איז אמת: אַלצדינג געפינסטו „אַרום זיך", אלדי חכמות וועגען דיר און וועגען דער וועלט, וואָס האַלט דיך אין דירה ביי זיך —

אַ חוץ נאָר איין קליינקייט געפינסטו ניט: ז י ך אַ ל יי ן!

# ה

גרויסער נעבאך!

איך געה צו צו דיר נאָך נעהענטער און לאָז מיך נאָך פרייער און נאָך טיפער דיר אין די אויגען אריינצוקוקען—זאָג איך דיר:

ויסען זאָלסטו ויסען, און פערזייען זאָלסטו דאָס דיר טיף אין זכרון, אַז ד יי ן מצב איז נאָך אַסך שפּל'דיגער פון דעם מצב פון יענעם אינגעלע.

דאָס אינגעלע איז נאָך יונג, די יונגשאַפט גליהט איהם אין גרונד פון הארצען, אזש איהרע פלעמלאך בלישטשען איהם פון די אויגעלאך. רוהט זי ניט אין איהם, זי וועקט איהם צו ק ע נ ע ן ז י ך, זיך אָנטאַפּען. מחמת דעם טאַקע שרעקט איהם דאָס געשטאַלט פון זיין דוכט-זיך'דיגען ניט-זיין.

אָבער דו, נעבאך! ביסט שוין מיט האַק-פּאַק אין דער צווייטער העלפט פון זעקסטען יאָהרטויזענד, ווייס ווי שניי, קיין איין האָר אַ שוואַרצע!

האָסט אינגאַנצען שוין פערלאָרען דעם טעם פון יונג-שאַפט, ווי אויסגעדאַרט איז ער דיר פון לייב און נשמה.

אַ סימן האָסטו: דיינע כחות ווערען אומגעוואַנדעלט אין ווערטלאָזע שמאַטעס, די טעג דיינע געהען אונטער, און אנ-

שטאָט זיי – געהען אויף נעכט אויף נעכט און בעפאלען דיין לייב און נשמה, בעלאַגערען אַלע דיינע ווינקעלאך און דו – פילסט דאָס גאָרניט!

## ו

וואָס קומט דערפון אַרויס דעם לעבעדיגען מענשען, וואָס ער באָדט זיך אין קולטור איבער די אויערען און אַלץ בליהט אין הימעל אַריין, אַז נאָך דעם אַלעמען שטעקט ער ערשט, אַ פערלאָזענער, אויף אַ מיסט, ביי אַ איינגעבויגענעם פלויט, און קיינער קוקט זיך ניט אַרום אויף איהם!

וואָס פאַר אַ מאַכט האָבען אַלדי שענע אָפעראַציעס, אַז נאָך דער אָפעראַציע בלייבט ערשט דאָס מעסער אין בויך שטעקען!

וועה, וועה! מ'האָט דעם מענשען „פערביכערט״!

וואָס אַ יאָהרהונדערט זינקט ער אַלץ טיפער אין דעם קבר פון די „ביכער״!

ניט דער קאָפּ איז שוין איהם דערצו און קיין צייט האָט ער, דוכט זיך, שוין אויך ניט פאַר אַ טראַכט צו טאָן וועגען זיך אַליין.

## ז

אָבער צו אַלץ איז אַ צייט!

צייט שוין צו זיין אויס נעבאך, אויס „גולם״!

מיט לייב און לעבען, ווי די זון אין פרימאָרגען שיקט אַרויס אַ ליכטיקייטס-בלאָז פון איהר גאָלדענעם שופר, נעהם

דז אויך דעם שופר אין מויל און בלאָז אַריין דער „מענש-הייט" אין אויער:

„און וואו בין איך?"

נאָך דעם נעהם דעם האַמער אין האַנד און גיב מיט איהם אַ זעץ דער וועלט אויף טיר און טויער:

„איך בין דאָ!"

קולטור, קונסט, פּאָעזיע, וויסענשאַפט, אַרויספּירען נייע פאָרמען אין לעבען און אין ליטעראַטור אויך — אַודאי זיינען דאָס שענע און גוטע זאַכען —

אָבער ווער פאַר ווּעמען?

זיי אַלע פאַר'ן מענשען, און ניט ער פאַר זיי!

אַלדי העכסטע ווערטען פון דער מענשליכער גאונות זיינען ניט אַרויסגעשפּרונגען פון זיך אַליין.

זיי האָבען אויך אַ „טאַטע-מאַמע" —

דאָס איז דער לעבעדיגער מענש!

פון לעבען קומען זיי אַרויס, און נאָר איהם בע-דאַרפען זיי צו דינען!

דער מענש איז דער שמיד, און די קולטור איז די קאָוואַדלע!

## קאַפּיטעל ב

### די קללה און די ברכה.

### א

וועה און ווינד צו אונזער מענשען-משפחה, אז דער גרעסטער טייל איהרער איז געצוואונגען צו דערטרינקען זיין הייליגען, אומשולדיגען חיות אין פיין און שוויס, און אַלץ צוליב וואָס, פאַר וועמען איז עס אַ קרבן?

פאַר בלויז'ן דערהאַלטן די נשמה אין גוף!

ער זעהט:

טיר און טויער זיינען געשלאָסען, קיין קלאַנג פון נחמה, און גאַנצע קופּעס ליגנערישע האָפענונגען וואַלגערען זיך אין מיסט —

ער זעהט – און ס'ריהרט איהם ניט פון אָרט, רייסט זיך ניט פון שפּאַן אַרויס...

### ב

עפּעס וועבט זיך – טוט אַמאָל אין איהם אַ פלאַטער דאָס זעגעל פון דער נשמה—עפּעס וועבט זיך אין דער וועלט,

און טאַקע פון גרויסען פּערנעהם, ס'פליהען קלאַנגען און שוועבען, גאָר אָהן אַ שיער, כחול הים...

אַט געהט אויף די זון און כאַפּט אַרום די וועלט פון עק ביז עק...

אַ ווייל‏ע אַרום — און זי ווערט פערפאַלען פלוצלינג אין אַ שוואַרצען תהום...

אַ נאַטור מיט גוואַלדיגע קונצען, און גרויסע פּלענער שפּינען זיך אין דעם געוועבס פון לעבען...

אויבערשטע — אַרונטער, און אונטערשטע — אויבען...

אַ גרויסע חתונה מיט אַ סך חתנים — און ער פּלאָנ־טערט זיך דאָ, ווי אַ אָבל צווישען חתנים...

## ג

אַז מ'פּערצעהלט אין דעם גרויסען „נעבעך־לאַגער", אַז עס זיינען געווען און פאַרהאַן איצט נאָך אויף אַזוינע מענשען, וואָס טוען זיך אַמאָל אַ „בייזער" אויף דעם, וואָס לעבט אייביג: פאַרוואָס? פאַר ווען?

שטעלען זיי אויף די אויערען, ווי אַ דערשראָקענער האָז, אַקוראַט ווי מ'וואָלט זיי פערצעהלט אַ וואונדערבאַרע מעשה'לע פון די גאָר אור־אַלטע צייטען.

ווארים עס גלויבט זיך זיי קוים, אַז אַזעלכעס איז אַמאָל פּערלאָפען.

„עט — הענגט תמיד אַ „לאַפּטשע" ביי זיי פון די ליפּען אַראָב — עט, אַזוי איז שוין די וועלט!" און אַראָב פון מאַרק.

אַז זיי לאָזען יע שוין אַמאָל פון מויל אַרויס אַ קרעכץ, האָט ער אַ פּנים פון אַ סקעליעט, אָהן אַ בלוטס טראָפּען.

דער עיקר: ווי עס בעדארף צו זיין! — דאָס איז פון זיי פערהוילען כמעט ווי דער „נאָכ'ן-טויט"

# ד

גלייכצייטיג מיט'ן דעת פון דעם „ערשטען מענשען" נאָך האָט זיך „פאָד פּאַכעם" מיט איהם אינאיינעם דורכגעשמוגעלט די אייביגע קללה פון „בזעת אפיך תאכל לחם!" אריין, ווי אַ „דיבוק", אין די אינגעווייד פון דער מענשען-געזעלשאַפט.

אינ'ם רוה-אָרט פון דעם אמת'ן טוב קען רע דאָרט קיין אחיזה ניט האָבען.

אַז אין אַ לעבען מיט ריינעם דעת קען די קללה קיין אחיזה ניט האָבען, האָט זי שוין געפונען איהר „תקון" אין דעם פערקריפּעלטען „דעת", אין דעם אָבגעקערטען פון פנים פון דער נשמה.

דער קורצזיכטיגער שכל! זיין קוק דערלאַנגט ניט ווייטער פון די אייגענע ד' אמות. מיינט ער, אין זיין „דלית-על-דלית'דיגען" פערנעהם, אַז דאָס דויערהאַפטיגע גליק ליגט נאָר אין אייגענעם בוזעם, און ס'איז גאָר אויך קיין נפקא-מינה ניט, מיט וואָס פאַר אַ הענד מ'האָט איהם צו זיך אריינגעשאַרט.

און וואָס טוט ער נאָך, דער פערקריפּעלטער דעת? ער נעהמט נאָך און „פעראייביגט" די פלוכט פון „בזעת אפיך" מיט אַ לויב-ליד צום „קאַמף פאַר'ן דאַזיין":

„מיט גאַל און מיט בלוט, אין היץ און אין קעלט,
„פאַר אַ פּיצעלע ברויט און אַ טראָפּעלע לופט —

„דאָס איז דיין „דאַזיין", בערוף אויף דער וועלט!
„מיר'ן דיין גוסס'ן לעבען מיט ביכער פערזיסען,
„אין זיי זעה דיין לוין אויף דער קללה פון הימעל,
„אין דיין אייביגען קאַמף פאַר'ן ווערימדיגען ביסען!"

## ה

וואָס פאַר אַ צדק קען אָבווישען דעם מיאוסען פלעק, וואָס ליגט אויף אונזער „דור דעה"?

קיין צדק!

אינ'ם „דור דעה" האָט זיך איינגעגעסען אַ גייסטיגע פּחדנות, האָט ער מורא אויפצודעקען ביז גאָר די פאַן פון „תקון האדם"!

פאַר וועמען האָט ער מורא?

פאַר אומגעזעהענע שאָטענס, פאַר געשפּענסטער, אָדער אפשר גאָר פּחד פאַר אַ אומגעהויערען הויך?

ווער ווייס! אפשר אַ געמיש פוןביידע געשטאַלטען אינאיינעם שלאָגט אָן דעם דעת זיינעם מיט אימה.

ווי די מעשה איז, אַזוי, צי אַזוי,—און די גוטע כוונות זיינע פאַלען אַ קרבן פאַר דער פּחדנות, וואָס עסט אויף אַ מענשען פון לייב ביז גייסט.

אויף אונזער פּלאַנעט גיט נישט, דוכט מיר, קיין קאָמיש-טראַגישערער עפּיזאָד, ווי נעהמען די קללה פון „עבודת פרך" און איינפּאַסען זי אין אַ ראַם פון אומבעדינגטער וויסענשאַפט!

אָבער דער חסד פון לעבען און „ליכט, און נשמה״ האָט אָן אין מענשען פון דער ערשטער רגע אָן:

אינאיינעם מיט דער קללה פון „בזעת אפיך״ האָט דער חסד איינגעטריפט אין זיין הויכן דעת דעם סם פאַר איהר.

דאָס איז די ברכה פון משיח׳ן!

דער שר פון אייביקייט האָט מקדמת דנא נאָך אויסגע־קריצט דעם שם המפורש: „משיח״ אין דעם זוהר׳דיגען דעת, וואָס ליגט בעהאַלטען אינ׳ם איבער־בעוואוסטזיין.

„משיח קדם לעולם״. משיח איז די ערשטע און די לעצטע געבענשטע זריעה אויף דער וועלט — אַזוי האָבען געזעהן אונזערע קדמונים מיט דעם אויג, וואָס איז תופס דאָס לעבען פון סאַמע שפּיץ ביז די פּיאַטעס.

# ז

עס איז גאָר קיין שפּאַס ניט. נאָך דעם איצטיגען סדר העולם נאָך — ער קריגט זיך שוין אַריין גע׳גנב׳עטערהייד ביס־לעכווייז אויך אין אונזערע מתנות — ליגען מיר אַלע דורכ׳ן אשמדאי צוגעשמידטע צו די שמאָלע ראַנדען פון אַ וועלט־וואולקאַן.

אַ ליאַדע מינוט—און פאַר אַ קאַפּריז בלויז פון אַ „איי־זערנעם״ בשר־ודם ווערט פון מיליאָנען לעבענס אין איין טאָג אַ קופּע מיסט!

דערפאַר איז איצט קיין צייט ניט פאַר פערנעהמען זיך דער עיקר מיט חקירות מכח דעם, וואָס אויף „יענער זייט פון לעבען״.

אַז עס ברענט פון אַלע פיר עקען, פוצט מען דעמאָלסט זיך ניט אויס צו דער מלאכה פון לעשען מיט גלאַנצענדיגע פילאָזאָפישע פאַנצערען. —

דעם האַמער אין דער האַנד—און צו דער מלאכה!

אַזויערנאָך פערשטעהט זיך שוין במילא, אַז דער טראַכט פון איבערבויען אונזער „עולם הזה" איז ווייט, ווייט ניט קיין זאַך פון „הלכתא למשיחא". —

דאָס איז אַ הונגעריגע, דאָרשטיגע טאָג-פראַגע!

און אַז ס'געהט דורך אַ טאָג, וואָס מיר האָבען איהם ניט פערקניפּעלט, בצנעא, צי בפרהסיא, מיט דעם אידעאַל פון „אחרית הימים"—יענער טאָג איז אַ כרת-טאָג, אָבגעשניטען פון דער אייביקייט.

## ח

ווי די ראַדיאָ-כוואַליעס איבער די לופט-שיכטען, אַזוי טראָגען זיך די שנאה-באַצילען פון מענשען צו מענשען אין אַלע עקען פון דער וועלט, הגם דאָס זיינען אַזעלכע מענשען, וואָס איינער דעם צווייטען האָט קיינמאָל אין פנים ניט אָנגעקוקט.

מען זעהט זיי ניט, די שנאה-קייקעלאַך, מ'הערט פון זיי ניט קיין קול, קיין רוף, און דאָך דריקט זייער טמא'דיגע משא אויף די דנאָ'ס פון די הערצער.

ווייסט איהר, פריינד, פון וואַנען זיי נעהמען זיך, אָט די קליינע מחבלים'לאַך?

פון אַ איבעריגען דריי ער!*)

*) מעין פון דעם געדאַנק, דוכט מיר, האָב איך אַמאָל געלייענט אין אַ בוך, נאָר איך געדענק ניט איצט, ווי ער הייסט.



אלינוו.148

וועט איהר דאָך מסתמא פרעגן: „מה ענין שמטה אצל הר סיני?”

איז דער תירוץ דערויף אזוי:

בשעת איך (דאָס הייסט, הונדערטער טויזענדער מענשען, ווי איך), למשל, האָב שוין דורכגעמאַכט דעם „ואכלת ושבעת” פון אַ טאָג לעבען, כּדת וכדין טאַקע, מיט אַ „בגד ללבוש” אַ צוגאָב דערצו, און אין קעשענע ביי מיר איז נאָכדעם ערשט פערבליבען אַ איבעריגער דרייער, –

איז ברור כּשמש, אז אין דער אייגענער שעה פעהלט ער פונקט אויס ביי אַנדערע הונדערטער טויזענדער מענשען פון גאָר דער וועלט; ביי זיי וואָלט ער אודאי מחיה נפש געווען, בשעת ביי מיר (דאָס הייסט ביי הונדערטער טויזענדער מענשען פון מיין גלייכען) איז ער ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגען...

אָט דאָס איז דאָס!

אין דער שעה, און פאַרוואָס ניט אין דער רגע אַפילו, ווערט ער, דער איבעריגער דרייער, מגולגל אין אַ־נאָדעל, און פון מיין (דאָס הייסט...) קעשענע אַרויס טוט זי מיט דער שנעלקייט פון אַ ראַדיאָ־כוואַליע שטעכען יענע נויטליידענדע אין הארצען אריין!

יענע ווייסען דאָס קלאָר, אַקוראַט ווי זיי זעהען זייערע צעהן פינגער, אז אַ מענש, אַזוינער ווי זיי, טוט איהם דאָס, ניט מעהר זיי ווייסען ניט, ווי הייסט ער (דאָס הייסט, הונדער-טער...) אויפן נאָמען.

## קאַפּיטעל ג

### הפכים.

### א

אש און שטויב בין איך אונטער די פיס פון אונזערע קדושים און חסידים, וואָס אויף זייערע רוקענס האָבען זיי געטראָגען מיט דער ריינסטער פרייד און הייליגסטען ליידען און פלאַקערדיגסטען געבעט די כנסת ישראל אין דעם אַנ-גרונטיגען ים פון גלות, דורכ'ן „סטראַי" פון שבעה מדורי גיהנם!

און פערמאַכטע אין די שווארצע תפיסות, וואו קיין איינ-ציגער שטראַהל איז ניט אריינגעדרונגען, קיין אָבגלאַנץ פון ליכט, גלייך די זון איז פאַר זייערע פענסטער פערלאָשען; —

פון דער פינסטער אַרויס, איינגעפּאַנצערטע מיט'ן שטאָ-לענעם ווילען און פערגאַרטעלט די לענדען מיט אַ שווערדען-קייט פון וואָרט, האָבען זיי געהאַקט אויף רעכטס און אויף לינקס די זיבענקעפּיגע מזיקים, וואָס זייען הויפענסווייז פּיין און פעראַכטונג, וואו נאָר דער איד האָט אָנגעטראָטען מיט'ן פוס!

און טאַקע דערפאַר דווקא, איז דער צער אונזערער שאַרף און שניידענד אַזש קאָלט ווערט אונז טיילמאָל ביז'ן אָבגרונד, אַז מיר זעהען ווי אַ טייל פון זיי האָבען גענומען — און נעהמען נאָך ביז היינט—דעם משיח-אידעאַל און פון איהם געמאַכט אַ האַטשעק פאַר הלכות, וואָס מ'האָט זיך אין זיי עוסק געווען בלויז פאַר „דרוש וקבל שכר" וועגען, — אַט אַזוינע הלכות הייסען דאָס „הלכתא למשיחא"!

## ב

האַר פון ליכט און נשמות!

דער חוט השדרה פון די נביאישע אמת'ן! —

דער אומערשעפטער קוואַל פון נחמה פאַר די איוב'ס פון אַלע דורות, וואָס קוקען אַרויס מיט דער גאַל פון דער נשמה דעם אויסגעלייטערטען „דור אחרון יקום" פאַר'ן „שופר של משיח!—

ער, דער גרויסער אמת, און — „הלכתא למשיחא"!

אַ אידעע פון די הייליגסטע געגועים צו פולסטער לעבענס-בענייאונג אינ'ם זין פון חכמה און דעת, ליכטיקייט און שענקייט און אייביגע פרייד מיט גאָטס גייסט זיי אין דער שפיץ. —

האָט מען זי גענומען און אַרומגעהאָנגען מיט שטרויס-פעדערען: רק פליהען זאָל זי, אין דער הויך נאָר, און אַלץ פאַרוואָס?

פאַר פחד, טאָמער וועט זי טועם זיין, חלילה, דעם טעם פון וואַרימען לעבעדיגען מענשליכען אָטעם און וועט אַזויערנאָך פערמענשליכט ווערען!

## ג

דאָס איז איינע פון די מערקווירדיגסטע ערשיינונגען אין אונזער וואונדערבאַרער אידישער געשיכטע:

אַז צוויי טענדענצען, וואָס זיינען ווייט איינע פון דער צווייטער, ווי מזרח פון מערב, זאָלען הונדערטער יאָהרען אַרבייטען אינאיינעם, „פּאָד פּאַכעם" ממש!

צוויי פּאליוסען:

איין פּאליוס: דער ריז פון אַלדי וועלט-אידעען.

דער צווייטער: אַ דין, וואָס האָט קיין שורש ניט אין די ד' אמות פון רעליגיעזען טאָג-לעבען אַפילו, — און ביי'דע גלייך רוהען אין בעוואוסטזיין פון דעם היסטאָרישען אידען!

אַ מעשה'לע, זאָל זיין פון די ווייטעסטע צייטען אַפילו, איז דאָך אין איהר פּערזייט אַ קערענדעל ווירקליכקייט, עס איז נאָר פערצויגען מיט אַ דיקער שיכט פאַנטאַזיע.

אָבער אַ מעשה'לע מכח הוילע לופט-פליהעריי, אָהן קיין צוגעמיש פון ערדישען שטויב — דאָס איז שוין קיין מעשה'לע אויך ניט.

דאָס איז נאָר אַ חלום מכח — אַ חלום

## ד

אונזער גלוסט איז כלל ניט צו „דוחק" זיין דעם „קץ" דורך „אויפרייסען הימלען" און „שפּאַלטען די ערד". מיר שטרעבען מיט אונזער לעבען און מיט אונזערע מעשים,—דערנעהענטערן זיך צום אידעאַל פון אַ משיח-לעבען, מיט דעם אופן פון איינ-

וועבען חיות פון ליכט, אמת און ליבשאַפט אין אונזער מענשען—„דרייעק״: געדאַנק, געפיל און טהאַט.

די מקובלים, חסידים, און נאָך אַנדערע צדיקים פון אלף הששי האָבען געוואָרפען אין דער אידישער וועלט דאָס וואָרט „גאולה״ אין צוויי געשטאַלטען:

1) אין געשטאַלט פון אַ משיח-מענש, אַ אדם העליון פון ניט היגע וועלטען. דאָס עצם ענטפלעקען זיך וועט זיין אַ נסים׳דיגע.

מיט׳ן כח פון זיין געטליכער הייליקייט און חכמה און דעת, אין אמת פון מדות און שענקייט, ווערט ער אַ צווייטמאָל מאַכען הערצען אין דער וועלט: דעם העכסטען אמת פון „אנכי!״ אַזש די ווייזער אויפ׳ן ציפערבלאַט פונ׳ם וועלט-זייגער וועלען זיך אין איין רגע אַ רוק געבען פון צוועלף ביינאַכט אויף צוועלף בייטאָג!

וועלען מענשען זיך באָדען אין דעת, ווי אַ פיש אין וואַסער; און אמת, ליכט און גערעכטיקייט וועלען זיין אין דער בחינה פון טעג-און נעכט-זיילען, וואו מענשען שטעהען און געהען: פאַר׳ן יחיד, צווישען איהם און זיך אַליין, אין די אינטימע ספערען פון זיין אייגענעם „דרייעק״, דאָס גלייכען אין די פערהעלטנישען פון איינעם צום אַנדערען און אַזוי אויך פון פאָלק צו פאָלק. —

אַזויערנאָך וועלען מענשען אַריינקלייבען זיך אין אַ דירה פון אייביגען גליק און תענוג.

# ה

2) אין געשטאַלט פון אַגוואַלדיגער אידעי־אַלער בעוועגונג, וואָס וועט האַלטען אין איין וואַקסען און בעגייען זיך צווישען מענשען אי־בער גאָר דער וועלט, און אידען אין ארץ ישראל וועלען די ערשטע אָנצינדען די מנורה פון דער בעוועגונג, זיי וועלען די ערשטע בלאָזען אין דעם שופר של משיח.

דער פרצוף שלאָגט אָן מעהר אין דער משיח־ספּערע פון דער אַלטער אידישער נבואה, איידער אין די מיסטישע שפּיצען פון „גאולה" אין די שפּעטערסטע צייטען. אין איהם איז מעהר בולט דאָס פּנים פון דער אידעע, איידער דאָס פּנים פון דעם אויסערוועהלטען מענשען (פּערזאָניפיקאַציע).

די אידעאַלע בעוועגונג „רופט אַרויס" אַ אונגעהויערע שפע פון העכערער ליכט אויף אַלע מענשען, שעפונג און ווערק. הערצער און מוחות ווערען בעפרייט פון די תפיסות.

דאָס פירט במילא שוין דערצו, אַז דער מענש דער־נעהענטערט זיך אויף אַ וועלט־שפּאַן צו גאָטס רצון, אין ס'ווערט כמעט אָבגעווישט דער פּרוד צווישען מענשען און זייער שטרעבען צו אויסלייזונג, צו שטייגען וואָס העכער אויפ'ן לייטער, וואָס פירט צום הימעל *).

אַז מיר ריידען דאָ מכח „גאולה", איז אונזער כוונה נאָר צו דער צווייטער געשטאַלט. אַ חוץ דעם, האַלטען מיר נאָך ניט ביי דער מדרגה פון זוכה זיין צו אַ „שפע ליכט פון אויבען", וואָס דאָס אַליין „דערנעהענטערט שוין אַ מענשען אויף אַ וועלט־שפּאַן צו גאָטס רצון".

*) מקובלים און חסידים ריידען וועגען „גלוים" פון „משיח'ן" אין אויס־דערוועהלטע צייטען. דאָס געהער אָבער ניט אַן דאָ, אין אונזער בעהאַנדלונג.

מיר ווילען נאָר זעגען דעם וועג צום „אחרית הימים" מיט אייגענע כחות אויף די אופנים, וואָס וועלען אָנגעצייכענט ווערען אין די קומענדיגע קאַפּיטלאַך.

די משיח-אידעע איז ניט נאָר אַ „מצוה התלויה במחשבה", זי איז דער עיקר אַ מצוה התלויה במעשה — אין טאָן און נאָכאַמאָל טאָן און ווייטער טאָן..

## ו

אַ אמת, ניט קיין אָבגעפּרעגטער, קיינער, דוכט מיר, וועט ניט וואַגען אויפצוהויבען די האַנד געגען איהם, אַז נאָר די קינסטלער פון'ם אייזערנעם ווילען, זיי נאָר זיינען די עפּאָכען-שעפּער.

דעם כאַאָטישען חומר פון די פּאַסירונגען, וואָס זידט און קאָכט ווילד אין דעם וועלט-קעסעל, נעהמען זיי איהם אין זייער שמעלץ-אויוועם אַריין און מיט'ן האַמער פון זייער שע־פּערישען ווילען שמידען זיי אויס פון איהם דעם גייסטיגען פּרצוף פון דער אָדער יענער צייט. אַזוי שאַפען זיי קיילעכ־דיגע, געשלאָסענע רינגען פון איטלעכער צייט, און פון זיי אַלעמען אינאיינעם — דעם איינהייטליכען בנין פון דער היסטאָריע.

אָבער וואָס קומט בפועל אַרויס פון דעם, אַז נאָך אַלדי נצחונות זייערע בלייבט דער רצון זייערער שטעקען בלויז אין אַ געשאַפענער אידעאישער וועלט, בעת די גשמיות'דיגע וועלט, וואָס איז מחוץ זיי, דרעהט זיך, ווי פריהער, ווייטער אויף „איהרע רעדלאַך" און זיי האָבען אויף איהר קיין דעה ניט!

אָהן אַ פּראָסט שטיקעל האָלץ קען דער גרעסטער גאון אפילו קיין בענקעל ניט אויפמאַכען.

## ז

ביי אייך, פריינד, איז דאָס אודאי אַ פּאַראַדאָקס, בטלנות פון אַ „פּאָדהרובניק", און פאַר מיר, זעהט איהר, איז דאָס אַ זאַך, וואָס דער שכל הישר אפילו מעג איהם אָהן חרפּה אַריינ־לאָזען צו זיך אין דירה, — האַרציג־קלוג איז ער אודאי.

איך מאַך צו זיך אַזוי:

עטליכע צעהנדליג „געניאַלע מיליאָנערען" פון אונזערע ברידער, אַז זיי זאָל נאָר בעפאַלען דער געניאַלער ווילען מיט זיין ווילדען שגעון צו אַ נייעם הימעל און אַ נייער ערד, זיינען זיי, מיט איין פעדער־שטריך סך־הכל, שמשון־שטאַרק צו פערקירצען אַ ביסעל דעם וועג צום „אחרית הימים", לעת עתה פאַר אונז, אידען, אין ארץ ישראל.

און פאַר דער „אתחלתא דגאולה" בעדאַרף מען ניט אויס־קוקען גאָר קיין נס מן השמים.

פּשוט. אַז דער „שגעון" זאָל זיי „בעפאַלען", נעהמען זיי אַ שטיקעל פּאַפּיר און מאָלען אויף איהם אויס דאָס בילד פון „דעם געניאַלען ווילען מיט זיין ווילדען שגעון צו אַ נייעם הימעל און אַ נייער ערד" מיט אַזעלכע ליכט־פאַרביגע אות׳ע־לאַך, למשל:

„מיר, אונטערגעשריבענע... גיבען איבער בכל לב ומאד אַ טייל פון אונזערע קאַפּיטאַלען, וואָס פוילען כיום אין די פינסטערע בעטאָנענע קעלערס, פאַר אַ קרן קיימת דעם כלל־ישראל אויף דורי־דורות, און מיר זיינען מכוין, אַז מיר אַלע

אינאײנעם, „װעלער“ און „קענער“, זאָלען לײגען דעם יסוד פאַר אַ משיח־לעבען אין ארץ ישראל!“

## ח

קלוג איז דאָס, און גוט — נאָכמעהר, און שען איז דאָס הפלא ופלא.

צי װעלען זײ „פאַלען“ אויף דער חכמה — דאָס איז אַ גרויסער ספק. פונדעסטװעגען איז קײן בײז ניט.

„עטליכע טויזענד אידען“, סתּם עושר־אידען, האָבען די אײגענע שמשון־גבורה, װאָס „עטליכע צעהנדליג געניאַלע מיליאָנערען“.

נאָר אויב אונזערע סתּם־עשירים אפילו האַלטען אויך ניט פון אַזעלכע „גליקען“ און האָבען נאָך געגנוג „חכמה“ ניט דערלאָזען זיך צו „בעפאַלען װערען פון דעם געניאַלען רצון מיט זײן װילדען שגעון“, מוז (איך גלויב: ער װעט...) ער, „דער געניאַלער...“ בעפאַלען „עטליכע צעהנדליג טויזענד אידען“, סתּם־אידען, בײ װעלכע ס׳באָמבלען זיך כאָטש עטליכע „איבעריגע דרײערס“ אין קעשענע...

עפענט אויף, פרײנד־אידען, אײערע אויגען און זעהט:

מיר זיצען אַלע אויף אַ שװאַרצען שטײן אין מיטען דער פינסטערקײט פון דער נאַכט, און דער אשמדאי מיט זײן פרעסערישער חבריא מאַכען שוין די לעצטע אַטאַקע אויף אונז!

פאַרװאָס פלאַמט ניט אויף אין אײך דער חשק אויפצוהויבען דעם פאָרהאַנג, װאָס איז אַראָבגעלאָזען אויפ׳ן טויער פונ׳ם בית־מקדש פון „גרויסען סוף“!?

עס איז שוין געקומען די צײט פאַר פתיחת הארון פון „אחרית הימים“!

ווען וועלען מיר שוין זוכה זיין, אַנשטאָט דעם אַלטען מאָנאָטאָנעם נגון „והיה באחרית הימים”, צו הערען פון אונזער היים דאָרט דעם קול שופר פון אַ נייער סימפאָניע: „והיה בקרב הימים!”

דאָס האַרץ קלעמט: מיר זענען רייך מיט דער „קונסט פון וועלען”, דערפאַר זיינען מיר אָרעם מיט דער „קונסט פון קענען”. זיי, דער היפך, זיינען רייך מיט דער „קונסט פון קענען”, זיינען זיי אָבער אָרעם מיט דער „קונסט פון וועלען”.–

וועה, וועה! וואו איז די גרויסע נשמה, וואָס זאָל אַראָב נידערען צו אונז אין די געצעלטען און מאַכען שלום צווישען דיביידע קונסטען?!

# קאַפּיטעל ד

## צ ו ויי ז י ג ע ר ס.

### א

טייל מאָל פּערלאָז איך מיין הייזעל, אַמאָל פאַר נויט און אַמאָל פאַר פּרובען מזל, לאָז זיך אַרויס אין גאַס אַריין, מיט'ן פּנים צו די מענשען.

אין גאַס איז, ווי דער שטייגער איז, אַ יאַריד, אַ בהלה אין הימעל אַריין, ס'רוישט, ווי אין אַ מיל אַזש די אויגען שווינדלען פון די פּלערליי „תּבואות" און „סחורות"...

און דער עולם צוצוקערט זיי, ווי מצה-וואַסער, בעקוקט נאָרניט: איינגעהאַנדעלט—און אין קוישעל אַריין...

### ב

און בין הבאים שטופּ איך זיך אויך אַריין מיט מיין שטיקעל „סחורה".

נאָר מחמת זי איז אָהן אַ גלאַנץ און, אַ חוץ דעם, איז

זי ניט אָבגעשטעמפּעלט ביים „מקך-איצט״,—פאַרדעם האַלט איך זי פעררוקט טיף אין קעשענע: לאָמיך, ראשית, אָנקוקען די „סחורות״ וואָס אין גאַס... אגב, טראַכט איך מיר, וועל איך פּרובען מזל מיט מיינער, טאָמער...

אַז איך וועל מיך „איינ׳חבר׳ן״ מיט די „איצט-סחורות״, מיט די „אידעען פון דער לויפענדער ווירקליכקייט״ הייסט עס, אַזויערנאָך אפשר וועל איך פון זיי אויפכאַפּען גאַנצע קלאַנגען. זאָל שוין זיין, מאַך איך צו מיר, פון וואָס פאַר אַ מין ניט איז, פון פריידזמירות צי פון יאָמער-קינות, אַבי נאָר זיי זאָלן זיין אָדער האַרטע, געגאָסען פון שטאָל, אָדער געוועבט פון בלויען הימעל.

געה איך זיך אַזוי בגפי איבער די רוישענדע מערק און נויג דעם אויער צו הערען דאָס שופר-בלאָזען פון די „איצט-אידעען״, וואָס שטעהען איצט ביים ראָד פון דער געשיכטע און האַלטען פעסט איהר רודער אין דער האַנ־

# ג

דערנאָך נעהם איך די קלאַנגען זייערע, פון די איצט-אידעען, און לאָז זיי דורך מיין לייב, אַ טייל אין דעם מאַרך פון די ביינער און אַ טייל אין דעם בלוט פון די אָדערן — פיהל איך, אַז זיי צערינען דאָרטען און צעשווימען. עס בלייבט פון זיי קיין סימן ניט.

ניט זיי האָבען אַרויסגערופען קיין וואַרימע טרעהר און ניט קיין פּיצעל תענוג.

ניט זיי ווייזען אַרויס קיין חוש פאַר דער פריידע, וואָס איז פערזייהט אין די אומגעזעהענע ווינקעלאַך פון לעבען; זיי איז פרעמד אפילו דער זין פאַר׳ן שמערץ, וואָס עסט דאָס

וועלט-האַרץ; זיי ענטפּלעקען אויך ניט דעם האַרץ-דופּק פֿונ׳ם מענשען.

זייער קול השופר מאַכט ניט הערען קיין בשורה פֿון אויסלייזונג; ניט דעם שוידער פֿונ׳ם פֿילען דעם הונגער און דאָרשט, סיי פֿון „מאָגען” און סיי פֿון דער נשמה, בײַ דער גרויסער מאַסע עלענדע ברידער אונזערע, וואָס שמאַכטן אין גלות בײַ פֿרעמדע און בײַ אייגענע.

אַז דאָס גאַנצע לעבען פֿון קאָפּ ביז די פֿיס האָטשקעט זיך אויף דער קאַרוזעלע פֿון „הימעל-פֿלעט, איז אַ הצלה פּורתא אויך גוט; מ׳כאַפּט זיך אָן אַ שטרוי, אבי נאָר צו ראַטעווען זיך.

זאָל זיין אַ פֿלאָקען אַ אידעע, בלויז אַ שאָטען פֿון אַ שענעם רצון, אַבי נאָר זיי האַלטען מענשען אָב אין זייער בהלה, אַז זיי זאָלען ניט טאָן אַ פֿאַל, ווי אַ אָבגעריסענער פֿעלז, אין אָבגרונד אַריין.

אָבער קיין רפֿואה שלמה קענען זיי ניט ברענגען.

וואָרום אַז מ׳ציהט נאָר אַראָב פֿון זיי דאָס הייטעל פֿון דער „לויפּענדערווירקלעכקייט”, ווייזט זיך ערשט אַרויס זייער בעטלערישער פּנים אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט.

בלייבט דער „תּוך” זייערער — משטיינס געזאָגט, ווי דער „תּוך” פֿון די לאָגלען, אָנגעבלאָזענע מיט לופֿט פֿון ד ר ו י ס ע ן, קיין איין טראָפּען ניט קיין אייגענער. אַ שטאָך מיט אַ נאָדעל— איז אויס לאָגעל.

## ד

אָבער אונזער אויג איז ניט שלעכט צו אונזערע ברידער, אויף וואָס פֿאַר אַ יאַריד זיי זאָלען ניט טאַנצען.

און פון גרויס אָבשיי פאַר דער „לויפענדער ווירקליכ־קייט פון עק ביז עק” האַלטען זיי אָפען מויל און אויערען, פאַר איהר ראש׳דיגען שופר־בלאָזען. —

טאָ זאָל זיי טאַקע גוט זיין!

אַז זיי קניהען זיך פאַר דעם „איצט־גייסט” איז עס אַ בעוויז, אַז ער איז זייערער: ער האָט נחת פון זיי, און זיי — פון איהם.

איין אָפענער אויג קוקט אויף אונז אַלעמען גלייך: דער אויג פון „ליכט און לעבען און נשמות.”

## ה

אָבער מיר זיינען איהם פרעמד, דעם איצט־גייסט, און ער — אונז אויך.

אונז ציהט צו די ספערען פון די „ווייטע לעצטע טעג”. מחמת דאָרט נעהמט אויף אונזער אויג אַ בילד פון אַ גאָר אַנדערען וועלט־זייגער, גאָר ניט עהנליך צו דעם, וואָס הענגט אין די ספערען פון די איצט־גייסטער.

די ווייזערס אויפ׳ן ציפערבלאַט פון יענעם וועלט־זייגער זיינען איינגעשטעלט, ווי דער צענטר אין מיטען קרייז, איהם אין סאַמע מיטען, פון „צוועלף” אין דער הויך ביז צו „צוועלף” אין דער נידער.

און דאָס גאַנצע „אינערן” זיינס בעוועגט זיך אין דער ליניע, וואוהין עס רוקען זיך די ווייזערס פונ׳ם מאָרגען־ליכט.

און דער ריזען-בליק פון דעם וועלט-זייגער נעהמט אַרום די מענשען פון עק ביז עק, ווי די מנורה אין הימעל, צוועלף דעם זייגער בייטאָג.

## ו

און דאָס זיינען די דבורים, וואָס דאָס צינגעל פונ׳ם וועלט-זייגער האַמערט אויס, בשעת דער משיח-גייסט דרעהט זיינע ווייזערס:

אין מיר ליגט דער סוד צום אייביגען גליק און געזאַנג!

אין מיינע אָדערען שלאָגט דער קוואַל פון יונגשאַפט, צו בענייען אין די הערצער פון די דורות דעם כח היצירה, וואָס איז פון איהם אַוועקגענומען!

איטליכער קול מיינער איז אַ אָפען אויג, וואָס בעגיסט מיט גאָטס גנאָד און פראַכט אַלצדינג אין דער וועלט און פון אונטען דער וועלט.

אין ט־פען תהום אפילו, וואו תמיד איז שוואַרץ און בייז און שטום!

מיט׳ן ליכטיגען פלאַם, וואָס לעשט זיך קיינמאָל ניט אויס, צינד איך אָן אין מענשען דעם הייליגען אומרוה!

רודער אין איהם אויף ביז׳ן תהום זיין רצון צו שאַפען וואָס נייערע הימלען און פרישערע ערדען!

אַלטע תורות טו איך אויך פון וואָרצעל בענייען!
פערזונקענע זונען בעלייכט איך צוריק!
פערוועלקטע פריהלינגס טו איך אויפבליהען פון ס׳נײ!
נאַכט און קעלט און גליווער צערשפרינגען פאַר מיין קוק!

## ז

הקדשים און וויסטע לעבענס פערפלייץ איך מיט ליכט, זמירות פון די שטערען הויך איך אריין אין די פער־כראשטשעטע העלזער פון די פערגעסענע אין קעלערס און ווערימדיגע נארעס!

איך וועל ארויסציהען די זון פון איהר שייד. —

און איהר העלקייט וועט טאנצען איבער פעלדער און וועלדער, מערק און יארידען, אויף די קאלטע שטיינער פון חורבות און אין די קורץ־אטעמדיגע קוימענס, וואס דער דלות פייפט פון זיי, ווי א זאוויערוכע!...

הפקר וועט אוועק פון דער וועלט, פערשטויסען אין די הרי חושך!

אין מיר פלאמט א גלוסט: א נעהם טאן מיט איין האנד די בלינדע נאטור, וואס איז הארט, ווי קופער און קאלט, ווי אייז, און ארויפציהען איהר אויף מיין קאוואדלע, בויגען זי מיט מיין האמער און שמידען פון איהר תענוג און שלום און הצלחה פאר אלדי מענשען אויף דער וועלט. —

וואו ס'קלאפט נאר א נערוו פון חיות און לוסט, אויף וועמען ס'רוהט נאר דער אבשיין פון גאטס פנים!

איך בין א משמר פון גנאד און שפע חן פאר די, וואס זיינען די תמיד פרעמדע פון לעבען, וואס פאר בלויז א א שלונג לופט שוויצט זיי מיט בלוט די לונג און לעבער, ווי טאג און ווי נאכט!

## ח

וואויל איז צו די אויערן, וואָס פאַרנעהמען די דבורים און פערפלאַנצען זיי אין זיך, פון דער נשמה ביז די פיאַטעס!

ווער האָט אָנגעקוקט דעם אָבגרונד?

דערפאַר דווקא ציהט ער צו צו זיך מיט ניט קיין געמאָסטענער קראַפט.

האָט עמיצענס גייסט געציטערט ביז׳ן ביין אין שויס פון דער משיח-אידעע?

דערפאַר וועט זי תּמיד זיין דער ליכט-פּונקט אין צענטר פון הימעל און ערד, וואו אַלע דורות וועלען זוכען און געפינען אין איהר נאָר אַ מנוחת עולמים נאָכ׳ן דורכגעהן אַלע גלגולים פון לעבענס-פיין און וועלט-שמערץ.

אַ וועלט מוז פאַר איהר קיום וועגען האָבען אי אַ איינשלאָפונגס-ליד אי אַ ערוואַכונגס-ליד.

וואויל איז דעם ליד, וואָס האָט זוכה געווען צו זיין פאַר אַלדי צייטען די נשמה פון אומרוהע און בענקשאונג!

און וועה איז דעם ליד, וואָס לייגט אַ מענשען נאָר איין בעט אַריין!

# קאַפּיטעל ה

## אידען און אידענטום.

### א

אַ גרויסער גאָרטען פון פערשידענאַרטיגע פלאַנצונגען, אַזוי איז דעמאָלסט די וועלט געווען איינגעזעצט מיט משפחות-גייסטער.

איטלעכע מענשען-משפחה האָט זיך אויסגעוועהלט אַ „גייסט" פון דער שפע רוחות, וואָס אין הימעל און אויף דער ערד.

דערפאַר האָבען זיי אַלע געהייסען „משפחה-גייסטער", אָדער לאַנד-געטער":

לאַנד און זיין גייסט, גייסט און זיין לאַנד,—ווי אַ סיאַמישער צווילינג.

אַז דער גייסט איז פערוואָגעלט אין אַ פרעמד לאַנד — האָבען מענשען דעמאָלסט געגלויבט — איז ער דאָרט אַ „פּלג-הגוף", אַ פאַסטוך אָהן אַ פייפעל.

דאָס אייגענע איז דער גורל פון אַ פאָלק, וואָס איז אויסגעריסען פונ'ם שויס פון זיין געבורטס-לאַנד און פער-

וואָרפען אין אַ פרעמד ווינקעל; איז דאָס פאָלק דאָרטען, אָהן זיין גאָט, ווי אַ פייפעל אָהן אַ פּאַסטוך.

אונטער אַ פרעמדען הימעל און ערד פוילט עס, דאָס פאָלק.

ווי אַ סטאַדע בעטלער אין אַ ווילד פרעמדען לאַנד, אַזוי לויפט עס ארום פער'סמ'ט הין און הער, דערשלאָגען, צובראָכען, ביז עס געהט צו גרונד.

אַלדי טענדענצען פון יענע מענשען און זייערע תכליתים, פון וויגעלע ביז'ן געזעגענען זיך מיט הימעל און ערד, האָבען זיך געשטיקט אין די ענגע גרענעצן פון זייער לאַנד-גייסט.

אַזויערנאָך האָט דער חשבון העולם פון אַ מעכ-טיגער מחשבה'דיגער איינהייט זיך אַרויסגעגליטשט ביי מענשען פון די מוחות און איז אומגעוואַנדעלט אין קליינינטשקע „וועלטעלאך" מיט דראָבנע, דאַרע, חשבונות'לאך.

איטלעכעס וועלטעלע אַ מעכאַנישער „דרייעק": פאָלק, לאַנד און גייסט.

## ב

נאָר איין משפחה פון זיי איז דעמאָלסט נאָך שוין אַרויס פון שפּאַן, אין די אַלטע צייטען נאָך. גאָר אין די וויקעלאך האָט זי שוין געטאָן אַ שפּרונג, אַריבער די גרענעצען פונ'ם לאַנד-גייסט.

און אַזוי איז איהר טבע פון דעמאָלסט אָן ביז היינט נאָך:

וואו זי קומט — איז דאָרט איהר היים. מעהר בעדאַרף

זי ניט פאַר אַ היים, ווי נאָר אַ פּיצעל באָדען אונטער די פיס, מאַכט ניט אויס, אַז אַ זאַמדיגער אפילו.

בויט זי דאָרט איהר היים פון דער ברייטער האַנד, מיט טירען צו אַלע פיר זייטען; פריי, ווי דער אָדלער, דער מלך פון די פויגעל.

די פליגעל פון איהר גייסט פערשפּרייטען זיך ווייט, ווייט, אָהן אַ אָנהויב און אָהן אַ עק.

דאָס איז דער גייסט פון גאָר דער וועלט.

## ג

געווען פאַלען, ווען די משפחה פלעגט אויך ברענגען „ליים און ציגעל״ פון דער פרעמד. דערפאַר אָבער דער נוסח פון׳ם בויען, זיין סטיל, איז תמיד געווען איהרער, איהר אייגענער. און מיט זיין שאַרפער אייגענאַרטיגקייט האָט ער פערטושט דעם פאַרב פון׳ם פרעמדען ליים און ציגעל.

פרעמדע פינגער האָבען זיך ניט אַריינגעקריגען צו דער אידען־משפחה, אין די צעלען פון דער נשמה.

אמת, די אייגענאַרטיגקייט פון סטיל האָט ניט אויסגעהאַלטען תמיד איין מאָס. אַזוי, ווי נאָך אַ „צייט״ נאָך: אַמאָל, צצמ׳דיגער, נאַקעטער, און אַמאָל איז ער געווען פאַרט פערצויגען מיט׳ן שאָטען פון דעם לאַנד־גייסט.

שאַרף האָט געקלונגען איהר נוסח, דורכדרינגענד, מיט איהר ברייטער גייסטיגקייט, בעת זי האָט זיך פערמאָסטען, מיט טיפער כוונה, צו פערלייגען אין דער ברייט איהר טראַקט מיט אַ אייגענעם הימעל און אַ אייגענער ערד.

## ד

אידען זיינען אַ וואַנדער-פאָלק? אַ טעות!

זיי זענען מיט אַ סך שטאַפּלען העכער פון וואַנדערער;
זיי זיינען מעהר פ ר י י ע ר יי ז ע נ ד ע ר.

דרייסט בעררייזען זיי די ערד, מיט מוט, געשעפּט פון אינוועניג!

ווי דער העלדישער שטורמאַן ביים אַוועקלאָזען זיך אויפ׳ן אָפענעם ים!

הויך שלאָגט אין איהם, ווי די כוואַליעס אין ים, זיין גלויבען אין די אייגענע כחות, און אין האַרצען טיף רוישט דער שטורם פון זיין אויסגעפּרובטען ווילען. —

פאַר זייער שאַרפען קלונג וויקעלט ער פונאַנדער דעם זעגעל פון דער שיף, נעהמט דעם רודער אין האַנד און לאָזט זיך אַוועק אויף די ווייטקייטן פון ים.

אַ מענש מיט אַ העלדישער נשמה איז ערגעץ ניט אַליין. רעם שטורמאַן אין מיטען ים זיינען הימעל און וואַסער זיינע חברים.

אַ רייזענדער, וואָס פערשטעהט אַ וועלט, דערשמעקט אַ פעט ביינדעל אין דער פרעמד אויך. דער עיקר כוונה זיינע איז—אויסצוברייגגען זיין סחורה אויפ׳ן פרעמדען מאַרק, אָבער ביני לביני נאַשט ער אויך פון דער „פּרי הארץ״, אַבי נאָר עפּעס רעכטס.

## ה

אודאי איז דער גייסט פון דער אידען-משפחה אַ זעהר ברייטצוגיגער, מיט אָנגעשטעלטע אויגען און אָפענע אויערען

צו אַלע פיר עקען פון דער וועלט. און אפשר נאָך דער אוני־ווערסאַלסטער פון אַלע מענשען־משפחות. נאָר אַלץ טאַקע מיט אַ בעזונדערען שניט.

ווי אַ בילד פון צוויי פּנימער, אַזוי קוקט אַרויס דער אידישער אוניווערסאַליזם. פון איין זייט איז ער דאָס אויסלאַנד פון דער פעלקער־וועלט, און פון דער צווייטער זייט איז ער דאָס איינגעשלאָסענסטע אינלאַנד.

אַז דאָס פאָלק מיט זיין טאָרבע טאַפּטשעט ערגעץ־וואו אויף אַ פערוואָרפענער וויספּע אַפילו, בלייבט דאָך דאָס האַרץ זיינס איינגעוואקסען אין זיין לאַנד; דאָרט פּולסירט עס.

ווי אַזוי, פון ה׳אַנען — דאָס איז קיין נפקא־מינה ניט — אָט אַזוי איז דאָס, אַזוי האָט זיך אויסגעפּיקט דער אידישער פּרצוף פון דעם פּרצוף, וואָס הייסט „מענשהייט״.

פאַר דעם „קונץ״ איהרען זאָגט מען, אַז פון אַלדי מענשען־משפחות איז די משפחה נאָר מסוגל דורכצוזעצען אין לעבען גאָטס אמת פון „אַלף ביז׳ן „תיו״.

ו

אויבען אויפ׳ן הימעל זיינען פאַרהאַן גלות־שטערען. איז זייער לעבענס־שטייגער דאָרט, אַזוי ווי דער לעבענס־שטייגער פון דער אידען־משפחה דאָ.

פון דער רגע, וואָס זיי זיינען אַריין אין דער הימעל־חברה, טוען זיי „מעסטען דעם הימעל״ מיט אַ וואַנדער־שטראַהל...

אַז איך געה אַרויס ביחידות אין די נאַכט־שעה׳ן, בשעת דער הימעל איז אין זיין גאַנצער בלויער קיילעכדיקייט פערזייט מיט שטערען, און שטעל מיך אָב, אַזוי אומגעטראַכטערהייד, אויף

אַ ברייט פליגעלדיגען פלאַץ, אין דעם פּרייען מיטען צווישען אויבען און אונטען, פּאַלט דעמאָלסט מיין אויסגעשטרעקטער אויג נאָר אויף אָט די אמרוהיקע וואַנדערענדע שטערען.

דאָס הארץ זאָגט מיר, אַז פון אַלדי קרובים אונזערע אין די הימעל-ספערען איז נאָר זיי זיינען תופס אונזער נוסח ביים „מעסטען די וועלט".

## ז

וואָס איז טאַקע אידישקייט?

וואָס איז דער בעזונדער נשמה-קוק פון דער אידען-משפחה?

דוכט זיך, אַ אַלטער קוק – און איז תמיד ניי?

איך וועל נעהמען איבערגעבען אין וואָרט דאָס, וואָס איך ענטפער אויף דער שאלה – זיך אַליין; איך וויל דאָ אָנ-צייכענען דעם תמצית פון מיין אינטימען בונד מיט איהר, פון היינט און אויף דורי-דורות.

אידישקייט–הייסט זיין אַ פאָלק פון אידען אומעטום און אין אַלע צייטען.

וואָס איז דער הינטערגרונד פון דער אייביקייט?

וואָס איז איהר בעזונדערער נוסח, פון אַלע נוסחאות ביי אַנדערע פעלקער, אינ׳ם מעסטען דאָס לעבען פון עק ביז עק?

אין די טאָנגעבענדע צייטען פון דער אידישער געשיכטע ענטפּלעקט זיך דער „אַני מאמין!" פון׳ם נאַציאָנאַלען גייסט

(„נשמת האומה״) אין אַ געשטאַלט פון אַ גוואַל-דיגען גלוסט צו בענייען זיך, סיי אין די אידעען, וואָס שוועבען אין די ספערען פון דער איבער-וועלט און סיי אין קרייז פון טאַט, אין אַלע איהרע צווייגען און געביטען.

דאָס איז די געטליכקייט פון אידישקייט.

ביים שעפער פון „ליכט און לעבען און נשמות״ איז זיין בעליבטעסטע „מלאכה״ כביכול אויך—בענייען: „ובטובו מחדש בכל יום תמיד מעשה בראשית״, פאַר זיין גוטסקייט בע-נייט ער תמיד די מעשה בראשית, רגע-איין, רגע-אויס.

ניט אַלעמאָל ענטפּלעקט זיך דער גלוסט אין איין גע-שטאַלט. אַמאָל בליצט ער אויס גאָר נאַקעט, אַמאָל אין אַ בולט׳ער פאָרם נאָר, און טיילמאָל איז ער „פערמאַסקירט״ אין זייטיגע טענדענצען,—אָבער דער עצם יש זיינער בלייבט תמיד אומגעענדערט.

## ח

צוערשט איז דער נאַציאָנאַלער גייסט ענטפּלעקט אין תורת-משה. אויף אַ סך פונקטען אין דער תורה זיינען פונאַנדערגעשטעלט, ווי צייכען-סלופּעס אויף די שייד-טראַק-טען, פּסוקים, וואָס איטלעכער פון זיי איז אַ טיף אין דער ערד איינגעוואָרצעלטער בוים און קען געבען פּירות אויף דורי-דורות.

אַ חוץ דעם עצם אידעאישען ווערט פון אַט די שרשים׳דיגע מצוות, שפּריצט פון זיי אַ גרויס שטיק לעבען פון דער גרויסער אָדלער-נשמה, אַ אויסגעלייטערט און אויס-געפּרובט ביז׳ן גרונד.

דער אינוועניגסטער לעבענס-דרוק פון אזעלכע מצוות לאָזט זיי ניט גליווערען, ער מאַכט זיי פּרוכפּעריש, שעפעריש; צי אינ'ם קרייז פון שטרעבען צו אמת, צי פאַר זוכען יושר, אָדער פאַר שטייגען אין דער מדה פון רחמים, און אַמאָל גאָר פאַר זיין מוטיג, אייזען-שטאַרק, אין דער מדה פון דין.

דער עיקר אין דעם אַלעמען איז, וואָס זייער רוח החיים פירט אַ אידען אַריין אין אַ ספערישער וועלט, וואו אַלצדינג האַלט דאָרט אין איין וואַקסען, אין איין בעניי‏ען זיך.—

זייער אָטעם פערכאַפּט איהם, ווי אַ כשופ'דיגער פלאַם, צינדט אָן אין איהם אַ חשק צו „נאָכטאָן" ביי זיך דעם סדר פון יענער וועלט: הויבען זיך וואָס העכער, בענייען זיך תּמיד אין גייסטיקייט און מעשים.

און הגם דער פסוק איז, ווי אַלדי חוקים פון דער תּורה, געשניצט אין נוסח פון אַ קאַטעגאָרישן חוב, גאָר אַ גזרה מן השמים, אָבער דער פּנים זיינער איז אַ העכערער סימבאָל פאַר אַ גאַנצען קנויל פּראָבלעמען און לעבענס-אַרטען.

# ט

נאָך אַ לאַנגען שווייגען אין דער גאַנצער צייט פון די „שופטים", אין אָנהויב פון די „מלכים", וואַכט ווידער אויף דער נאַציאָנאַלער גייסט, געשמידט פון גאָט אין זיין ענטפלעק-טען וואָרט צו די נביאים.

ביי די שעפער פון'ם הייליגסטען נוסח-וואָרט—שיינט אַרויס דער מעכטיגער רצון צו בענייאונג (אויף זייער לשון הייסט דאָס: תּשובה) אַ סך נאַקעטער און שאַרפער; דערצו נאָך מיט דער געניאַלער, קינסטלערישער פשטות און

וואונדעבאַרען קלאַנג, וואָס קיין ילוד אשה ביז זיי האָט פון אַזאַ לשון ניט געוואוסט.

דער אייביגער ווערט פון דער נביאישער רעליגיע און מוסר ציהט אויך נישט קיין אַנדער חיונה פאַר זייער אייביקייט, אחוץ נאָר פון דעם אומענדליכען בענקען צו בענייען תמיד דאָס לעבען מיט דעם טוי פון אמת, גערעכטיקייט און ליכטיקייט.

אין תורה שבעל פה, אגדות און מדרשים איז דאָס וואָרט פון בענייאונג פערשטעלט, ניט אַזוי בעוועגליך, ווי ביי די נביאים. אונזערע חכמים דעמאָלסט האָבען געזוכט „גאַנגען", ווי אַזוי נאָר איינצופרעסען דאָס אידישע לעבען אין פורעמס, אַלצדינג זאָל זיין געוואויגען און געמאָסטען; געזעץ און שריפט פאַר אַלעמען גלייך.

מחמת אין זייער אויבער-בעוואוסטזיין האָט זיי גערייצט איין ציל, ס'האָט זיי גע'כשופ'ט דאָס גרויסע נביאישע וואָרט „שליחות":

שמידען די איינהייט פון פאָלק! ווייל דווקא פאַר זיין בונטאַרישען, רעוואָלוציאָנערען כאַראַקטער, אין די צייטען פון בית ראשון, פאַר דעם דווקא איז עס געווען אַ שברי-כלי, אין זיין אינווייניגסטער אָרגאַניזאַציע, גאָר קיין לשון ניט געהאַט פאַר צונויפריידען זיך איינער מיט'ן צווייטען.

אַז אין קרייז פון דער אייגענער משפחה געוועלטיגט אַ סטיכישער שפּיי איינער דעם אַנדערען אין פנים — פון אַזאַ חומר קען מען ניט שאַפען ניט קיין עם התורה, ניט קיין עם הרוח.

פונדעסטוועגען שווימט אין דער תורה שבעל פה אויך אַרויף, אין היבשע שטעלען, דער רעיון פון התחדשות. אמת, בעשיידען,

אָהן פאטאס, אָהן התפעלות, און דאָס לשון פון אַזוינע מאמרים איז געפּאַסט קורץ, גלאַט, אָבער צאַרט זאנפטיג.

אַז אַ איד, אַ יודע ספר, קוקט אַריין מיט אַ גלייכען אויג אין דעם „טייטש״ פון אַזעלכע דרשות, ניט זוכענדיג אין זיי קיין שאַרפזיניגע פּשט׳לאך, איז ער גלייך תופס דעם אמת׳ן מכוון, וואָס שטעקט אין זיי.

ל

נאָך פולער קלאַפּט דער דופק פון באַנייאונג אין די שענסטע ספרים פון קבלה און חסידות, הגם ביי זיי האָט ער ניט דעם שאַרפן קלאַנג, וואָס ביי די נביאים, פאַר דעם וואָס זיין שאַרפקייט איז דורכגעוויקט אינ׳ם געדיכטען רעגען פון די סודות׳דיגע כוונות און רמזים.

און פאַרט פיהלט מען, אַז דער „שר פון באַנייאונג״,—ער גיט דאָס דעם גרונד-טאָן זייער געמיט, ווי אין די טיפסטע טיפען, אַזוי אין די לייכטעסטע שווימונגען. מעהר פון אַלץ קלינגט די שטימע פון התחדשות דאָרט, וואו ס׳רעדט זיך וועגען דעם העכסטען תכלית פון תורה און עבודה.

ריכטיגער: דעם תכלית פון אַ נשמה אויף דער וועלט.

אין זיין אייגענאַרטיגען זוכען דרכים, ווי אַזוי צו בענייען דעם חיות פון מעשים און גייסטיקייט, איז דאָס אידישע פאָלק דער אומרוהיגסטער גייסט פון אַלע פעלקער.

דער גיהנם של שלג אַפילו וועט שוין אויך ניט אָבקיהלען זיין פלאַמיגען אומרוה.

דער טייוועל, וואָס איז ממונה אויף פערגליווערן נשמות אין גופים, כאַפּט זיך יע אַריין פון צייט צו צייט צו אונז אין

די הייזער, בשעת אונזערע טעג און נעכט זשיפען קוים, ווי גוסס'ע, און טוט אַ וואָרף אַריין אַ פלאַכטע אייז...

אָבער די קעלט האַלט אָן נאָר אין דעם אויבערשטען טייל פון דעם פאָלקס-גייסט. —

אינוועניג בלייבט ער תמיד וואַרעם, שטורמיג.

און אַזעלכער וועט ער שוין פערבלייבען לעולם, אַז אידען וועלען שוין אַפילו אויפגעריכט ווערען אין זייער לאַנד, ווי אַלע טעריטאָריאַלע פעלקער.

אַז משיח אַליין אַפילו זאָל וועלען בעשאַפען אַ נייעם הימעל און אַ נייע ערד פאַר די יסודות פון עטיק, וועט ער אויך דעם „רוח הקדש" ניט שעפען פון קיין אַנדער מקור, אַחוץ נאָר פון דעם, וואָס הייסט „בענייאונג"!

# קאַפּיטעל ו

## איין נשמה אין פינף געשטאַלטען

### א

פון אַלדי פעלקער-בילדער אויפ׳ן עקראַן פון דער וועלט-געשיכטע ווינקט צו אונז מעהר פון זיי אַלע דאָס בילד „אידענטום”. זיין בליק כשופ׳ט, און די שאָטענדיגע טיילען אַפילו רייצען ניט פיל וועניגער, ווי די העלע.

קוקט זיך איין אין דעם צויבערישען פלאַם פון דער זון אין מערב אויפ׳ן זוים פון טאָג און נאַכט — איהר׳ט אין איהם זעהען דאָס געשטאַלט פון אידענטום.

פאַרבען, ווי מאַסיווע שטיינער, זיינען צוגאָסען איבער׳ן בילד, אַזש עס שווינדעלט פון זיי אין די אויגען, און דאָך פיהלט איהר איין שטימונג בענעהמט זיי אַלעמען גלייך,— איין וועלטבענעהמונג ליגט אין די מאָטיווען, פון וועלכע די גרויסע ישראל-קינסטלער האָבען געמאָלען דאָס בילד.

דאָס בילד זאָגט ניט אַרויס אינגאַנצען, וואָס עס מיינט, איינגעהאַלטען איז עס, ווי דער דרך איז פון גרויסע חכמים.

„איך גיב אייך אַ „אנצוהערעניש” — און איהר, אידען, טראַכטען טראַכט שוין אַליין. פוילט זיך נאָר ניט, נאָכצומאָל

און נאָכאַמאָל—וועט איהר שוין האָבען אין האַנד דאָס שליסעל צו מיר!״

## ב

אויפ׳ן לייוועגט פון דער אידישער געשיכטע איז דאָס בילד פון „בענקען נאָך בענייאונג״ געמאָלט אין פ י נ פ ע ר ל יי געשטאַלטען: תנ״ך, תורה שבעל פה, ספרי המופת פון מיטעל אַלטער, קבלה און חסידות.

א יי ן נשמה און ענטפלעקט—אין פינף פנים׳ער.

איטלעכעס געשטאַלט האָט זיך זיין מאטיוו, זיין קאָמ־פאָזיציע. פאַר דעם ליגט אויף איטלעכען ווערק דער א י נ־ ד י ווי ד ו ע ל ע ר שטעמפעל פונ׳ם ש ע פ ע ר, ווי ער האָט דאָס דורכגעדענקט און דורכגעפיהלט דאָס לעבען, וואָס הייסט „אידענטום״.

נאָר מחמת אַלדי ש מ י ד ע ן אינאיינעם האָבען זייער יניקה געצויגען נאָר פון איין קוואַל „בענייאונג״, דערפאַר קענען מיר אַנדערש ניט קוקען אויף דעם אומברוכבאַרען ווערט פון אידענטום, ווי נאָר אויף אַזוינס, וואָס איז דער פועל־יוצא פון זייער אַ ל ע מ ע נ ס אַ ר ב יי ט א י נ א יי נ ע ם.

איטלעכער עבר בעזונדער האָט זיין ווערטפולען חלק אין דער ענטוויקלונג פונ׳ם לעבענס־פּראָצעס, וואָס הייסט „אידענטום״.

דער היסטאָרישער איד מאַכט דורך דאָס לעבען פון אַמאָל אָן ביז היינט, ווי די „חיות״ פון דער „מרכבה״ מיט די „פיר פנים׳ער״: יעדעס „פנים״ האָט ז יי ן ק ו ק און וואוהין זיין קוק ציהט איהם, אַהין „געהט״ עס, נאָר ביי דעם גופא זיינען אַלדי „קוקען״ בעפליגעלט מיט א יי ן גייסט, וואָס שוועבט איבער זיי אַלעמען.

# ג

וואָספאַר עבר האָט זיך מעהר איינגעוואָרצעלט אינ׳ם האָרץ פונ׳ם אידישען כלל און וואָסערער וועניגער—מיט דער חקירה האָבען מיר דאָ גאָרניט צו טאָן. פאַר אונז, אויף דעם אָרט, איז געגוג צו בעטאָנען איין וויכטיגען שטריך, וואָס שטעמפּעלט אָב אַלע עבר׳ס.

דאָס איז: אַלע גלייך, נאָר איטלעכער מיט זיינע מיטלען האָט „דינאַמיזירט״ די לעבעדיגע כחות פון דעם כלל-אידען, פערהיט זיי פון אָריינצופאַלען אינ׳ם שמעלץ פון מעכאַנישקייט, פון „מצות אנשים מלומדה״.

אַי, וואָס ניט אַלע האָבען דערלאַנגט דעם באַרג סיני — דאָס איז ניט די שולד פון די רבי׳ס; שולדיג דערין זיינען די תלמידים.

דעם אמת געזאָגט, איז זייער שולד דאָ אויך ניט קיין בייזוויליגע, נאָר אַן־אָנגעוואָרפענע פון דעם „ארום״. דאָס איז דער אייזערנער פּועל־יוצא פון גלות. ער מיט זיינע אונ-מענשליכע מזיקים — זיי האָבן דאָס ביים אידען אָוועקגעריסען זיין פרייען, זעלבסט-צוואַנגענדיגען ווילען.

דער גלות — דאָס איז די „קאָוואַדלע״ פאַר שמידען שפּאַלטונג, צוריסענקייט אין די טיילען פון דער גייסטיגער אָרגאַניזאַציע ביים מענשען. ער איז דער פולער היפך צום פרייען, שעפערישען ווילען, וואָס זיין עובדה איז נאָר צו האַרמאָניזירען די פערשידענאַרטיגע אַרבייטען אין די לאַגערען פון דעם אינווייניגסטען מענשען („אדם הפנימי״).

## ד

פון דעם אלעמען דרינגט בּמילא שוין אַרויס, אַז דאָס בילד „ישראל״ פון אַ משיח-לעבען בעדאַרף אין זיך איינזאַפּען די וואָרצעל-פאַרבען פון אַלדי פינף עבר׳ס אונזערע.

אַז אַ חד בדרא, אָדער נאָכמעהר, אַפילו אַ „נאַציאָנאַלע פערזאַמלונג״ פון אַלדי אידישע פאנען, זאָל בעשליסען אויסצושטרייכען פון דער משיח-צוקונפט אפילו איין עבר נאָר,—וועט דאָס זיין אַזוי טראַגיש, פונקט ווי מ׳וואָלט געהן אויסשניידען אַ שטיק לייוועגט פון אַ קונסט-בילד פונ׳ם גרעסטען וועלט-פערנעהם!

אַלע עבר׳ס זיינען בעפליגעלט מיט דער בעגייסטערונג פון בענייאונג.

בשעת עס בליצט אויס אין אַ נשמה די וויזיע פונ׳ם לעצטען פונקט ביים „מעסטען די וועלט פון „אלף״ ביז׳ן „תיו״, זעהט זי אין איהר דעם בענעהם פון גאָט אויף דער וועלט און די דריי ספערישע אמת׳ן:

א) אייביקייט אינ׳ם ליכט פון לעבענס-בענייאונג.

ב) לעבען אינ׳ם ליכט פון אייביגער בענייאונג.

ג) בענייאונג אינ׳ם ליכט פונ׳ם הויבען זיך צו שלמות.



אלינוו.ח"ע

# ה

תמיד שטעהט דער שר פון בענייאונג על המשמר בײם אידישען פאָלק, בשעת עס מאַכט דורך שייד-וועגען.

אַז עס ווייזען זיך ישראל׳ן צייכענס פון אַלטקייט אויפ׳ן פנים, אַ סימן אַז דער „כח הלידה״ זיינער געהט צו גרונד,— קומט דער שר פון בענייאונג און טוט אַריינטריפען איהם אין זיינע פערהאַרטעוועטע אדערן טראָפּענס פון זיין אייביגער יונגשאַפט. —

ישראל ווערט פון ס׳ניי געבוירען, קריגט צוריק דעם כח הלידה און שמידט ווייטער די קייט פון דער אידישער געשיכטע.

אַמאָל שטאַרקער און אַמאָל שוואַכער אַ ביסעל, אָבער וואָס אמת, איז אמת, אַז אין אַלע צייטען פון גלות האָט דאָס אידישע רעליגיעזע לעבען זיך געריבען ביז „מאַרך און ביין״ אינ׳ם הארץ פון דער אידישער לעבענס-אָנשויאונג און אין זיך איינגעזויגען דעם „אייזען״ פון קוואַל: „בענייאונג״.

און ס׳איז גאָר קיין גוזמא ניט: איטלעכע פון אונזערע תורה-שריפטען האָט דורכגעמאַכט מיט׳ן לעבעדיג היסטאָרישען אידען אינאיינעם אַלע זיינע אינווייניגסטע איבערלעבונגען און קריזיסען, וואָס האָבען געשאַרפט און געשליפען זיין נשמה אַ צייט פון צווייטויזענד יאָהר.

ווי נאָך אַ צייט נאָך, אַמאָל מיט׳ן גלאַטשטיין פון פרייד און אַמאָל מיט׳ן שאַרפשטיין פון ליידען.

אַזויערנאָך איז איטלעכע פון אָט די מצוות דערהויבען צו דער מדרגה פון אַ צוויי-טויזענדיעהריגען איוב.

## ו

דערפון דרינגט במילא שוין ארויס אזא השגה:

„נאָכטאָן דעם אויבערשטענס רצון אויף דער ערד!” איז אַקוראַט ווי מ'וואָלט אנשטאָט דעם אַזוי געזאָגט:

מענש! נעהם דיר אין זין אַריין, אַזוי לאַנג ווי די נשמה איז אין דיר, אַז אין לעבען פון אַ נשמה אין אַ גוף איז דער טייטש פון „קומען צום אמת”: שטרעבען און בענקען אָהן אַ חשבון צו בענייען זיך!

און דער, וואָס טייטשט „נצחיות היהדות”, אַז דאָס מיינט צו זאָגען נאָר די „הויט און די ביינער” פון אידענטום, מחמת „אייביקייט” איז ער אויך תופס נאָר אין אַ געשטאַלט פון אַ מורא'דיגען „לעבער-ים,” — דער, וואָס טייטשט דאָס אַזוי, איז גלייך ווי ער נעהמט און שניידט בידים איבער דעם לעבעדיגסטען נערוו, וואָס איינינגט לייב מיט נשמה, אידען מיט אידענטום!

## ז

דאָס זעהט מען טאַקע אין די לעצטע צעהנדליג יאָהרען: אידישקייט האָט אָבגעקערט פון איהר הויכען היסטאָרישען שטייגער.

אַ אייז-פלאַכע, דער טייוועל ווייס פון וואַנען זי האָט זיך אָבגעריסען, איז אַראָבגעקויקעלט אויפ'ן בילד „ישראל” — און די שכינה פון בענייאונג האָט זיך פון איהם אָבגעטאָן.

פאַר גרויס בעשעפטיגען זיך מיט דעם „שטיין בניין” אַליין פון דער תורה, האָט מען קיין צייט ניט אַ טראַכט צו טאָן וועגען זייער „מאַרך”.

פאַר פאָרקען זיך רק מיט'ן רעמעל איז דאָס עצם בילד פערזעהן.

אַ פאָקס-בעוועגונג קען אַנדערש קיין קיום ניט האָבען, סיידען נאָר, אַז זי איז מיטגעריסען פון אַ גרויסער אידעע. די עצמיות פון אַ גרויסער אידעע — ניט נאָר אַ לעבענס-אידעע, נאָר אַפילו איבערקעהרעניש, פון אַ וועלט-פער-נצהם, אין אַסטראָנאָמיע, מאַטעמאַטיק א. ד. גל.-איז ליכט, און ליכט, האָבען מיר אַ כלל, היילט אַלדי קראַנקהייטען. פון זיינעם אַ ריר קריגען פערוועלקטע השגות פון ס'ניי די סגולה פון בליהען.

„פעריונגערען" אידענטום אין זיין גאַנצען בענעהם,—דעם גאַנצען וואַלד, ניט אייַנציגע בוימער נאָר, — געהער אָן נאָר דער קונסט פון אַ אידעע, וואָס אָטעמט מיט „אנכי!"

און אַזאַ אידעע איז נאָר די איינע: די „משיח"-אידעע!

פונ'ם בעגיסען דעם גאַנצען וואַלד „אידענטום" מיט דעם גרויסען טל של תחיה, וועלען זיך במילא אבפרישען אויך די איינצעלנע בוימער.

## קאַפּיטעל ז.

### דער איינזאַמער און זיין שאָטען.

### א

אָנבליקען פון הימעל, אָהן אָנהויב און אָהן ענד!
ניטאָ צו זיי קיין שטעג, קיין געמעל פון א צייכען!
ערגעץ-וואו טוקט זיך ניט קיין אויסגעדריקטער „אוי!" אין אָבגרונד פון שטומע טרערען... טוקט זיך א דאָרשטיגער ביז טויט, — און ניטאָ וואו צו שטילען דעם דאָרשט... צו-נויפגעדריקט אין קייטען, געשמידטע פון זיין אייגענעם פלאם, קויקעלט זיך דער „אוי!" דאָרטען אין אָבגרונד, ארויף און אראָב, ביז ער דערקויקעלט זיך צו די אָ נ ב ל י ק ע ן...
אָנבליקען פון הימעל — אליין דורכאויס ליכט און צום לויכטען איז זייער ווילען!

### ב

וואָס זשע זאָל ער טאָן, דער וואנדערער, אז דער א י צ ט איז ניט זיינער?

ער שליאַפֿעט צווישען חורבות, הקדשים — און זיין קוק שאַרפט ער אין דער ווייטקייט... זוכט דאָרט צייכענס פון דעם קומענדיגען טאָג,—דורך די שפּאַלטען פון גאָטס נאַכט זוכט ער זיי, זוכט און וויינט...

צומאָל בשעת׳ן וויינען טוט אַ בליץ — און דער אנבליק פון הימעל ענטפּלעקט זיך איהם (אויף אַ שיער פון כהרף עין) — אין די טרערען פון די שוואַרצאַפּלען...

ער טרויט זיי, די אָנבליקען, מיט׳ן גאַנצען חיות פון האַרצען: זיי וועלען איהם ניט פאַרלאָזען, דעם עלענדען שלייכער, אויף זיין איינזאַמען וועג צום ליכט-קוואַל אין דער גרויסער היים...

## ג

לאַנג איז דער וועג אַהיים צום מאָרגען-ליכט, וואוהין ס׳שאַרפען דעם וואַנדערערס אויגען. צו דעם איז דער וועג איינגעהילט אין אַ דיקען לייוונט, געוועבט פון כל׳ערליי וועהטיג-שפּיצען—און פונ׳ם לייוונט טאַרטשען אַרויס, ווי מצבות אויף אַ בית-עלמין, אַסך קראַנקען-בעטען...

פון ביידע זייטען, דעם וועג לענגאויס, וואַרפען אַ אימה הויכע זיילען פון וואָלקענס, וואָס קנוילען זיך צאָרנדיג ביינאַנדער אַלע אינאיינעם...

ווייס ווער, וואָס צאָרנט זיי? אפשר, גליהט אין זיי אַ בראַנד, צעררייסען זיך אַליין...

הימעל, האָב רחמנות אויפ׳ן צאָרנדיגען ווילען!

דער חושך שטיקט איהם, — בלייבט ער שטומען, ווי אַ אויסגעפייניגטער הונד, אין קנעכטשאַפט ביים האַר פון אייז און פעלז.

לאַנג איז דער וועג. פונדעסטוועגן וועט דער וואַנדערער גיט פערבלאָנדזשען: ער איז נאָך ניט אויסגעטראָטען...

## ד

אַז אויף מזרח געהט אויף אַ העלע שיין און בעגילט אַ קאַפעלע די שפיצען פון די „פערכמורעטע וואָלקענס", פאַלען דעם וואַנדערער אַ ווײלע אַראָב די שטיינער פון הארצען; זיין אויער כאַפּט אויף דעם געזאַנג פון די מאָרגען-פויגעל, וואָס זינגען תמיד אין פריהמאָרגען אַ פּרק שירה לכבוד דעם אויפ-גאַנג פון דער זון.

און אויף די שפיצען פון זיין נשמה טוט אַ בליץ:

„צ יי ט!"

פאַר'ן ליכט פון זיין שאָטען טרעט דער איינזאַמער טריט צו טריט אויפ'ן וועג אהיים, און פערשניידט אַ בונד מיט איטלעכען פרישען אָנקומענדיגען טאָג:

לאָמיר זיך האַלטען איינער אין אַנדערען ביים גאַרטעל, תמיד זיך האַלטען, סיי בשעת דאָס אונטערשטע פון דער וועלט טוט זיך אַ רגע אַ הויב צו אויבען אַרויף, און סיי בשעת דאָס אויבערשטע גיט זיך אַ זעץ אַראָב אונטען.

אַזוי לאָמיר געהען ביינאַנדער, פנים צו פנים, דעם גאַנצען וועג, ביז — צ ו ד ע ר ה יי ם!

ווי צוויי רוחות, וואָס שעפּטשען צווישען זיך אין דער שטיל גאָטס ברכה אויף דער ערד, אַזוי טיילען זיי זיך, — סיי זייער שמחה און סיי זייער אומעט.

# ה

א אויסטערלישער מענש איז דער וואַנדערער:

די ברייטקייט פון דער נאַכט, בשעת זי איז פון עק ביז עק אין שטילער דביקות מיט דעם ים שיינען פון די שטערן, לייגט זיך אויס ביי איהם אויפ'ן הימעל פונ'ם האַרצען ווי א עולם ומלואו מיט ספירה'לאך, און זיי פערגיסען מיט'ן חן פון זייערע אויגען דעם אומעט פון דעם אומענדליכען חלל...

און מחמת גאָטס נאַכט איז זעהר פערהוילען פון אַלצדינג אין דער וועלט, פאַר דעם קען מען פון איהר שעפּען חיות ביי די טיפסטע ערשיטערונגען פון דער נשמה.

און פאַר'ן בלויען גלאַנץ פון די ספירה'לאך מעסט דאָס דער וואַנדערער — „דעם וועג אהיים".

א וואַנדערער מיט א צולייג נאָך פון א היבש ביסעל שגעון — דער גוטער יאָהר וויים איהם, ווען לאַכט ער און ווען וויינט ער.

אַמאָל פאַלט אָן א שעה, קריגט ער א פנים פון א ניט קיין אויסגעמאָסטענער שטומער נסיעה אין א „דרך רחוקה"...

און וואָס, מיינט איהר, קען מיט איהם פּאַסירען אין דער רגע טאַקע פון דער „שטומער נסיעה"?

פאַר שמחה (ער וויים אליין ניט, וואָס איז די שמחה מיט איהם) קויקעלט ער זיך אינווייניג...

טאָמער לאַכט מען איהם אויס פאַר זיין „שגעון" — פערקלייבט ער זיך אין זיין קאַנורע מיט א דונער-וועהטיג אין האַרצען, און לאָזט זיך דאָרט אומישנע פון איהם נאָכמעהר צו בעפאַלען, פון זיין „שגעון".

מיט וועמען רעדט מען דאָרטען? פאַר וועמען ניסט מען אויס דעם שגעון?

פון זונען-אויפגאַנג ביז זונען-אונטערגאַנג זיצט ער ביחידות אין זיין קאנורע, אויג אויף אויג מיט זיין שאָטען, וואָכען און חדשים, אַמאָל יאָהרען אַפילו...

פאַר איהם גיסט ער דאָס אויס זיין שגעון.

מאַלע וואָס ער איז אַ אויסגעלאַכטער און איז ביחידות אין זיין קאנורע—אַז די נשמה זיינע ציהט איהם—אַהין אַרויס, צו זיינע ברידער, הגם דאָרטען בריקעוועט מען איהם, ווי אַ משוגע׳נעם הונד.

מחמת בשעת אַפילו ער איז ביחידות מיט זיין אייגענעם שאָטען, טוליעט ער זיך בשעת מעשה מיט זיין גאַנצער משפחה איינאיינעם אונטער דעם „צודעק” פון איין אור-אַלטען שאָטען, וואָס טוט מאַכען פון זיי אַלעמען איין גאַנצקייט, אָדער: אַ אייביג בלויען שפּיגעל-שאָטען.

## ו

דער טוי פון דער ווייטער בלויקייט, אַז ער פאַלט אין די צעלען פונ׳ם וואַנדערערס צלנדקייט, איז ער איהם מחיה נפש; ווי דער קוש פון אַ מאַמען, אַ גע׳טובל׳טען אין טרערען, איהר קינד, וואָס איז איבערגוואַלד אַרויסגעריסען פון איהר שויס און איז פערוואָרפען אין אַ הקדש; ווי די ליכט-אַפּלען פונ׳ם בעגינען-שטערען, בשעת זיי טרעפען דעם אַ גאַנצע נאַכט בלאָנדזשענדען אין אַ וואַלד, ווייט פון ישוב.

עס שפּאַלטען ביי איהם אויף טיר און טויער!

איהם דוכט: אַ ווילד שענע פרייהייט פלייצט אין איהם

פון גליד צו גליד, און פאַר גרויס תענוג רייבען זיך איהם זיינע חושים איינער אין אַנדערען —

און אָט דוכט איהם גאָר, אַז עפּעס אַ „וועלט מיט גייסט" איז אַריין אין דער שענער פרייהייט, ווי אַ „דיבוק" איז זי אַריין אין איהר.

בשעת מעשה שטייגט דער שוואונג זיינער אַרויף, אַרויף...

ווי אַ פויגעל כאַפּט זיך אַרויס פון שטייגעל מיט אַ געזאַנג פון טיפען האַלז, אַזוי כאַפּט זיך דער שוואונג מיט אַלע זעקס פליגעל אַרויף איהם אויף די אָרעמס פון זיין „שגעון"...

דאָס מאַכט ער אַ נסיעה אויף ר ע ד ע ר, אָ ה ן אַ וו אָ ג ע ן...

פליהענדיג אַזוי, זעהט ער אַ ניט אויסגעטראָטענעם שליאַך צו נייע הימלען און צו אַ נייער ערד אויך...

די גאַנצע וועלט איז בענייט, אויסגעלייזט פונ׳ם טייוועל, און ער אויך אינאיינעם מיט איהר. אַלצדינג מאַכט חברותא מיט איהם:

„מיר צו דיר, און דו צו אונז!"

די אחדות׳דיקייט, וואָס ער זעהט איצט אין אַלצדינג, רופט אַרויס איהם אויפ׳ן פנים אַ טיפע שטוינונג:

ע ר — אַ קליינטשיק שטויבעלע מיט אַ בלויען פינטעלע... און די וו ע ל ט—ווי דאָס פנים פון דער זון אין איהר מלכות׳דיגער גדלות, אויף דעם זוים צווישען טאָג און נאַכט...

# קאַפּיטעל ח

## די ענטפלעקונג פונ׳ם „אני מאמין!״

## א

ראָש קומען די טעג, שטיל געהען זיי אַוועק, און שלעפּען דאָס לעבען מיט... עס לויפט אָן אַ בלאָז, ווער ווייס, וואָס איז דאָס אַזוינס, צי אַ בליק פון אַ גרויסען שאָטען, צי אַ שטראָם קעלט פון אייז-ים, — די פעדים גליטשען זיך ביים מענשען אַרויס, און אין האַנד איז פוסט...

אַ מענש לעבט אויף רגע׳ס. אַז ער פאַלט אַריין אין אַ רגע פון אייביקייט, עפענען זיך איהם די אויגען און זעהט וואָס ער זעהט, הגם ער קוקט גאָר ניט. אַלדי אַנדערע רגע׳ס — קיי און שפּיי, די אויגען קריכען אַרויס קוקענדיג און — זעהען גאָרנישט.

ווי דער רשע אין גיהנם, וואַרפט זיך די נשמה אין אַזוינע שלים-מזל׳דיגע רגע׳ס, אויף אַלע זייטען...

נשמה, ווּעמען זוכסטו? דעם ש אָ ט ע ן זוכט זי: זי זעהט איהם ניט...

## ב

האָט געטראָפּען אַמאָל און דעם איינזאַמען זענען די די פּיס געוואָרען מיד און דאָס ברויט אין טאָרבע האָט שוין געהאַלטען ביי „עושה שלום״... און די מחשבה מכח „וואָס וועט זיין?״ האָט איהם אויך ניט געפּיקט, ניט ער האָט זיך געקויקעלט אין אַש און שטויב...

פלוצלונג — און אַ ליכט-דרוק פון זיין שאָטען איז אריין איהם אין לייב! דערפון האָט ביי איהם געטאָן אַ שפּאַר ארויס זיין „אני מאמין!״

אָרימער — ער איז ווי ניי געבוירען!

ווי ביי אַ סאָלדאַט אויף אַ „נאַכט-קאַראַאול״, אין אַ בייזער ווינטער-נאַכט, אַז ער איז שוין דורכגעפרוירען ביז׳ן ביין און ווילד איז ער פאַר צאָרן, ווי אַ בייזע שלאַנג און ווי אַ קויל פייער גליהט ביי איהם אַ טויט-הונגער אין הארצען (וואָס איז ער און ווער איז ער—אַ קליין פערגליווערט פינטעלע אינ׳ם ים-פינסטערקייט... דאָך טליעט אין איהם דאָס פלאַם-וואָרט: „טאָג״!) און פלוצלונג פערשווינדט די לעצטע מינוט פון דער נאַכט. —

אין דער רגע טוט איהם פון הארצען אַ פלייץ אַרויס אויף די ליפּען אַ שטראָם שמחה·

„טאָג״!

אונטער די ברעמען זענען ביים וואַנדערער די אויגען פערלאָפען מיט אַ טרער... פון יענע טרערען, וואָס במתנה קומען זיי אַמאָל דעם מענשען, פון אויבען, אין איהר איז איינגעקוועטשט אַ וואונדערשענע בלויקייט, וואו אַלדי ליידען ווערען אַנטשוויגען...

אויף די שטעל האָט זיך די טרער אַרויסגעשאַרט פון אונטער'ן ברעם איהר אַרויף, אַ בליץ געטאָן אויף די שפיצען פון די הערעלאַך און בגנבה פון זיי זיך אַראָבגעגליטשט...

# ג

ווייסט איהר, פריינד, פאַר וואָס דער „אַני מאַמין" איז דעם וואַנדערער אַזוי ליב?

ווייל ער איז דאָס זיין „איך אַליין"!

פאַר'ן ליכט פון זיין „אַני מאַמין" פערשווינדט פון אַנטקעגען זיינע אויגען די ווייטקייט צום „באחרית הימים". איהם דוכט: אַ בילד אָהן וואונדער הענגט אונז אַלעמען אַנטקעגען, איבער אַ וואַנד סך-הכל.

און וואָס איז דאָ דער חדוש! אַז דאָס איז דאָך דאָס בילד, וואָס גאָט האָט עס פּערזעהט אונז אַלעמען אינ'ם ליכט-אַפּעל פון דער נשמה!

פון דעמאָלסט אָן שטעהט ביי איהם דער „אַני מאַמין" אין סאַמע מיטען ציפערבלאַט פון זיין לעבענס-זייגער און געוועלטיגט אין זיין גאַנצען קאָסמאָס. קיין געדאַנק, קיין געפיהל, ריהרען זיך ניט פון אָרט אָהן זיין רשות. ער איז פאַר איהם אַ הייליגקייט, אַ רבי פאַר פותר-זיין זיינע ספקות.

אַ סך געדאַנקען, וואָס ער האָט זיך מיט זיי גע'עסק'ט כמה יאָהרען, לסוף האָט ער זיי משלח געווען אין יתומים-הויז — אַלץ פאַר זיינעטוועגען.

## ד

אָבער האַלטען פערשטעקט דעם „אַני מאַמין” נאָר „אין
זיך און פאַר זיך” אַליין—דאָס שמעקט שוין מיט קברים-גראָז,
וואָס מ׳פערוואַרפט הינטער זיך און מ׳זאָגט דערביי: „הבל
הבלים!”

אַ חוץ דעם, איז דעם וואַנדערערס „אַני מאַמין” גאָר
ניט קיין „אין זיך און פאַר זיך” אַליין. מחמת דער שורש
זיינער, דער שאָטען, „טוליעט זיך מיט זיינע ברידער אינ-
איינעם אונטער דעם צודעק פון איין אור-אַלטען שאָטען”.

יאָהרען שוין, אַז דער איינזאַמער שעפטשעט צו זיך
אַליין: לאַנג שוין צייט אַראָבצוציהען פון דער משיח-וויזיע
דאָס זיידענע העמדעל פון בלויז „זעהונג” און „שטימונג”,
וואָס מענשען האָבען איהר אַרויפגעצויגען!

און איצט, אַז מענשען פלאָנטערען זיך שוין ביי די
לעצטע טרעפּ פון אלף השׁשׁי, איז שוין אַודאַי צייט דערצו—
צו שלייפען די האַרבע סוגיות פון
וועלט און לעבען אהן דעם שאַרפשטיין
פונם משיח-וואָרט!

אַז דאָס משיח-וואָרט זאָל שוין ווערען דער איינציגער
כח הפועל אין אַ בעוועגונג פון דערנעהענטערען
מענשען מיט זייערע טעג און נעכט, דארשט און הונגער,
יאָמערען און טאַנצען, צום קוואַל פון גליק און שמחה!

שטויב, בלאָטע ביז׳ן האַלז און זשאַבעס קוואקען אין
מיטען העלען טאָג; ווער ווייס, אפשר וועט אַ בייזער ווינד
צובלאָזען גאָר דאָס משיח-וואַרט אויף שטיין און ביין, מענשען
ווערען צס אויסלאַכען. בעגעגענען מיט שפּאָט און שאַנד. —
אַלדי שרעקען קלעפּען זיך ניט צו איהם

זאָל אַפילו די ערד זיך אויפהערען צו דרעהען און דער הימעל זאָל שטום ווערען – דער אמת פונ׳ם משיח-וואָרט איז אייביג. אומעטום איז זיין אָרט, זיין צייט זענען אַלע צייטען. דער שפּיץ פון אַלדי „צייט-און-ארט-גייסטער״ דערלאַנגט ניט די פּיאַטעס אַפילו פון דער משיח-אידעע!

# קאַפּיטל ט

## „התגלות האדם".

### א.

אַ מענש איז גאָר קיין קלייניגקייט ניט. וואָס ער זאָל ניט זיין, אַבי נאָר מיט'ן צלם אלהים!

אַ עושר פון „עולם ומלואו" — און ווייס ניט פון זיין עשירות. אַ פידעל פון כל'ערליי סטרונעס: שענקייט, גוטסקייט, שוואונג, און מענשען מיט'ן „זעקסטען הימעל" דערשמעקען אין איטלעכען איינעם די קונסט פון שעפערישקייט.

„אַ צייט צו לאַכען" — האָט געזאָגט קהלת — און די „צייט" אַליין איז כולה קאַפּריז. אַזוי איז זי פון „בויך" אַרויס, לאָזט זיך ניט שפּאַנען אין וואָגען פון סדר, און אין לעצטען סך-הכל איז זי ניט מעהר ווי אַ „גלגל החוזר" פון אַ מזלדיגער אָדער שלים-מזל'דיגער שעה!

איין מזל'דיגע שעה איז די והותר צו מאַכען פון אַ מענשענס „חיי-שעה" — אַ „חיי-עולם"!

אַ סך גאונים איז נאָר אַ גליקליכע שעה זיי בייגעשטאַנען — און זייער גאונות איז אַנטפּלעקט. ווען ניט

דער צופאַל, וואָלט זיי אויך געלעגען „שערבלאַך” אויף די אויגען, גלייך מיט אַלדי שטערבליכע.

און די אייגענע זאַך צוריק: וויפיל געהויבענע גייסטער האָט דאָס קבר-דעקעל געמאַכט זיי פערגעסען פון מענשען אויף אייביג — פאַר דעם, וואָס זייער גאַנצער לעבען איז גע-ווען אַ לאַנגע שלים-מזל'דיגע שעה!

נעבאַכ'ס פון גאָר דער וועלט! אייערע פליגעל שפּאַרען אָן אַ וועלט פון עק ביז עק, און בשעת מעשה ליגט דער גורל פון אייער אייביגער צוקונפט אין די הענד פון איין פינטעלע צייט!

## ב

ווער געשריען! וויפיל איידעלע כּוונות פון אַ סך אונ-זערע ברידער געהען לאבוד; וויפיל שיינענדיגע קוקען לעשען זיך אויס, איידער נאָך זיי האָבען דאָס לעבען רעכט אַריינגע-קוקט אין פּנים! און טייל מאָל זענען דאָס אַזוינע כּוונות אַז הימעל און ערד מעגען זיך מיט זיי צאַצקעווען, און חיות און שרפים אַפילו האָבען אויך ניט וואָס צו שעמען זיך מיט זיי.

פאַר וואָסער חטא איז דאָס אַזאַ האַרבער גזר, אַ גזר פון „כּרת-יאָהרען?”

די ביטערע האָראָוואַניע אויף דעם אומשולדיגען שטיקעל ברויט-מאַכט פון זיי אַ וויסטען חורבן.

דאָס וויסטע געראַנגל פאַר איין קב עקזיסטענץ הרג'עט אָוועק אינ'ם מענשען דעם פון גאָט געשענקטען גלוסט צו קענען זיך אליין: גנב'ענען אַ קוק, אַ מאָל, אין דעם דרייפאַכיגען קוואַל: גאָט, וועלט און מענש.

ווארום אַז אַ מענש האָט (און ווער האָט איהם ניט) אַ „צלם״ — פּראָוואָס זשע זאָל ער אויך ניט תּענוג האָבען פון „ליכט, לעבען און נשמה״, וואָס פינקעלט און שפּריצט און בליצט פון עק ביז עק! וואָס, ניט אמת אפשר?

ביי די „אונטערשטע פון שטויסעל״ רודערט אויך די תּאוה צו געניסען פון דעם „יין המשומר״, אין זונענדיגע טעג און שטערענדיגע נעכט און ליכטיגע פאַרנאַכטן, מיט וועלכע דער רבונו-של-עולם האָט געבענטשט די וועלט!

## ג

„ביז ס׳קומט די נחמה — קריכט אַרויס די נשמה.״

ביני לביני איז דער אונטערשטער פון שטויסעל נאָך אַלץ ווי אַ טראָפּען אין ים, גאָרניט, ניט פאַר׳ן הימעל און ניט פאַר דער ערד, און באָדען באָדט ער זיך אין — קאַלטען שווייס...

ברומט אַ בת-קול פון אַלע זייטען: צוריק גיט דעם מענשען די גזלה: „קענען זיך אַליין״!

ווי קעהרט מען אום די גזלה? דאָס איז, אמת, אַ גרויסע תּורה, אָבער מען דאַרף זי ניט זוכען מעבר לים, ניט ביי איבער-מענשען און ניט אין די אונטערערדישע וועלטען.

קודם בעדאַרף מען דעם מענשען פון פּנים אָבווישען דעם שווייס מיט די טרערען! — דאָס איז בראשית.

ערשט גיט מען איהם אַ „בולקע מיט פּוטער!״ אין יענער שעה הויבט אָן דער ים זיך שפּאַלטען — און דער מענש איז שוין אַ האַלבער „בן חורין״:

ער עסט די „בולקע״ רוהיג, „תּחת גפנו ותּחת תּאנתו״, ניט כאַפּ-לאַפּ, ווי אַז מ׳שטעהט איהם „נאַד דושאָיו״; סיי די

נשמה און סיי דער חומר,ביידע אינאיינעם, זיצען בשלום צו דער סעודה...

די וואָלקענס צוּלויפען זיך אין די הרי חושך, דער הימעל הויבט זיך אָן צו לייטערען — און אויף די שפּיצען פון די בערג ווייזען זיך די ערשטע שוואַלבען, וואָס זאָגען אָן די „אַנטפּלעקונג פון׳ם מענשען!"

דער ערשטער פּרוב צוריקגעבען דעם מענשען די מתנה פון „קענען זיך אַליין" קען ניט קומען צום פולען אויסדרוק, ס׳״ידען נאָר אין דעם צענטער פון נאָהענטען מזרח — אין ארץ ישראל. וואו די אידעע איז ראשית אַנטפּלעקט, דאָרטען וועט אויפשיינען איהר ווידערגעבורט.

# ד

פאַרנאַכט איז אַריין אין דער וועלט! אויסגעגאָסען פון אַ שטיק סוד: „ניט-ליכטיקייט און ניט-פינסטערקייט..." דאָס איז די נשמה פון צייט...

פון׳ם באַרג איז אַראָבגעהאנגען אַ מורא׳דיג שווייגענדיגער שאָטען. לעשענדיג מיט זיין טיפען, רוהיגען אָטעם דעם פאַר אַ טאָג אָנגעגליטען זאַמד, בעלאַגערט ער דעם גאַנצען שטח פון ברעג טייך, אָנשפּאַרענדיג אַזש אין וואַסער-גאַרטעל.

גלעט איהם, ווי אַ מאַמע שלאָפט איין אַ קינד, אגב רוימט ער איהם איין — סודות.

בעת ס׳האָט זיך אַנטפּלעקט „די נשמה פון דער צייט", איז געשטאַנען דאָרטען אַ זינגער פון מאָרגען-לאַנד, פערזונקט ביז גאָר אין דעם קוואַל כונות פון דעם טונקעל בלויען שאָטען, דער קאָפּ איינגעגנורעט צווישען די אָרעמס, וואָס זענען אָנגעשפּאַרט אויף אַ פער׳יתומ׳טען פיען —

און שטיל געגאָסען דאָס הארץ אין די אויערען פון דער נאַכט, וואָס איז אויפגעגאַנגען פאַמעלאך פון דער אומ־בעזעהענער טיפעניש:

„לעבען און ליכט און נשמות — וועלקען אין
ביכער פאַר קעלט,
„הריזשען איהם מייז ביז'ן ביין, דעם דרייפאַכיגען
סוד פון דער וועלט...
„דערשלאָגען צו דר'ערד, ווי אַ וואָרים אויף קברים—
צו אונז וועה און ווינד!
„פערשטיינערט די וועלט, — און דער האמער —
ביים שטן... ס'חרוב'ט מיין קינד...
„ס'צאַפּעלט דער הימעל, ס'גוסס'ט די בלויקייט אין
די נעגעל פון נאַכט, —
„גאָט, וואו איז דער שופר? ערשעפּט איז דער
ליכטקוואַל—דער אַשמדאַי לאַכט...
„פער'יתומ'ט, ווי אַ קבר פון אַ נפל, דער בית־
מקדש פון גאולה,
„דער פלאַם פון איהר פערטריבען, רק שדים מאַכען
דאָרט הלולא.
„שווייס אָהן אַ תהום, נשמות אין אָהנמאַכט — האַר,
וואו איז דיין וואָרט:
„איכ'ל שוין ווישען די טרעהרען מיט תכלת פון
מיין הייליג אָרט!"
„ערגעץ-וואו פון אַ שפּאַרע שטיל ציטערט פונ'ם
שופר אַ קלאַנג —
„גאָט, ווען שוין וועט שאַלען בריש גליה זיין
געזאַנג?"

## ה

אַז די פֿאַנטאַזיע פֿון „אָהן הימעל און אָהן ליכט" זאָל פֿערשלעפֿפֿען די „היסטאָריע פֿון דער מענשען-קאַנוואולסיע" אין די צעהנדליגער יובלות אַפֿילו, — אָבער אין דער אייביקייט וועט זי ניט אָנשפּאַרען!

אַ סוף צו איהר מוז קומען!

סוף-כל-סוף וועט אַרויס עמיצער, אַ קבוץ, צי אַ פֿאָלק פֿון מזרח, צי פֿון מערב, וועט נעהמען גאָט׳ס האַמער אין האַנד און אַ זעץ טאָן:

„שלום!"

און יענער „עמיצער" וועט דאָס זיין דער בויער פֿון דער נייסטער היסטאָריע — פֿון דער משיח-היסטאָריע!

וואָס פֿאַר אַ ענינים? קליין, נאַריש, צו זיין פֿערשטעקט אין ווינקעל!

דער „עמיצער" איז דאָ!

געוועזען אַמאָל און איז איצט אויך פֿאַרהאַן! אַלעמען איז ער בעקאַנט, אויף מזרח און מערב, אויף צפֿון און דרום, מיט זיין חוש פֿאַר שפּאַלטען הימלען אויף דער זינדיגער ערד!

אידען זיינען געוועזען די מתחילים פֿון אַמאָל נאָך, די ערשטע מחברים פֿון דעם ווערק „אָנטפּלעקען גאָט׳ס גייסט אין דער היסטאָריע", — בעדאַרפֿען זיי זיין די גומרים, פֿערענדיגען דאָס ווערק. „המתחיל במצוה, אומרים לו מרוק!"

דער „קול קורא" פֿון דרייטויזענד יאָהר צוריק, צו „מאַכען אַ טאָלק אויף דער וועלט!" — זאָל ווידער לאָזען זיך הערען פֿון זייער מויל — מיט דעם קלונג פֿון „אנכי!"

אַז אַ גרויסער היסטאָריקער רייסט איבער זיין אַרבייט

אין מיטען, צי פאר אָבגעלאָזענקייט, צי פאר קאַלטע חשבונות
(די צייט נאָך ניט געקומען...), וועלען די קומענדיגע דורות
איהם משפט'ן פאר דעם, ווי פאר א חטא במזיד, פון אָב-
מעקען בידים, וואָס ער האָט ביז איצט שוין אָנגעשריבען.

# קאַפּיטעל י

## שָׁרָשִׁים

און דאָס זענען די ניט אויסגעטראָטענע וועגען פאַר דער בעוועגונג צום מאָרגען-ליכט פון „באחרית הימים".

## א

מיט'ן וואָרצעל אינאיינעם אויסרייסען פון לעבען דעם בוים פון דער אייביגער קללה: „בזעת אפּיך תאכל לחם!" בעלייכטונג. „ששת ימים תעבד!" שמחה האָט געפינקעלט אויפ'ן געזיכט פון דער וועלט, בשעת'ן דערהערען אָט דעם בת-קול!

אַרבייט — דאָס איז דאָך דער קוואַל פון היץ און יונגשאַפט, וואָס היט אָב די וועלט פון גליווערען! זי בעגיסט דאָס מיט שטראָמען חיות דעם בוים פון בעוועגונג אין דעם מענשען-גאָרטען!

און דאָרט, אינ'ם וואָרצעל פון דעם בוים, איז פאַרהאַן אַ נסתר'דיג קעמערעל, וואו עס שפּרודעלט דער קרישטאַלענער קוואַל פון בעניאונג!

דאָס האָט דער מעכטיגסטער זעהער אַריינגעזוונגען אין דער גרויס-געשטאַלטיגער מענשען-נאַטור אַ שטאָלענעם ליב-

שאַפט-ייִד — אַ יסוד פון אויפהויבונג, אויסלייזונג פאַר מענשען אויף דער ערד!

פאַראַן אַ בייזער גייסט, „אשמדאי" רופט מען איהם, שטעהט ער תּמיד על „המשמר". אַז ער דערשנאַפּט פון דער ווייטענס דעם ריח פון אַ חיות׳דיגען אמת — לאָזט ער אויף איהם אַרויס זיין שווייניש׳ע היץ פון מויל, — צו מטמא זיין איהם...

אַז ער האָט דערהערט דעם בת-קול „ששת ימים תּעבד!" האָט ער אויסגעשאָסען אַ אומווירדיגען געלעכטער... פון איהם איז אַרויסגעשפּרונגען אַ זשאַבע, וואָס קוואַקעט „עבודת פּרך",— און פון דורות אָן איז איהר עובדה אָבצוזעגען לייב פון נשמה.

צו אונז אַלעמען ווינקט דער בלויער אויג פון הימעל: שטורעמט מיט אַלדי כּלי-זיין פון אייער רוחניות׳דיגקייט, אַלע ווי איינער, מיט׳ן געוועהר פון „לעבען און ליכט און נשמה," שטורעמט די רויטע פעסטונג פון „בזעת אַפּיך!" —

ועט אויף אונזערע אַלעמענס קעפּ אויסשיינען גאָטס ברכה.
מלאכה איז געזונד, הייליג אַפילו אויך.

מלאכה האָט אַ נ ש מ ה! אָבער ניט מלאכה, וואָס וואַנדעלט אום דעם קערפּער אין אַ זאַק ביינער, אין גייסט מאַכט זי צאַראַפּען ביז בלוט און פּער׳מיאוס׳ט איהם דאָס לעבען!

אַרבייט איבער דער נאַטור טרעגט דעם דרייפאַכיגען פּאָדעם: ט אַ ט ע, מ א מ ע און ק י נ ד.

## ב

„כּי יחדל אביון מקרב הארץ!" דער קיום פון אַ מענשען אויף גאָט׳ס ערד מוז אומבעדינגט, זיין פריי, אָבהענגען נאָר פון׳ם אייגענעם ווילען

צו לעבען; ניט אַ עקזיסטענץ, וואָס הענגט אָב פונ׳ם צווייטענס רצון, וואָס זיין האַמער-טאָן איז ניט מעהר ווי אַנ׳אָבקלאַנג פון חסד (ניט פון חוב), צי אַ דורכלויפענדער בליץ פון רחמנות.

בעלויכטונג. אַז די אידען-משפחה האָט ערשט גע-נומען מאַכען דעם ערשטען נסיון צו מעסטען די וועלט מיט גאָט׳ס שנור אין דער האַנד, — האָט די גרויסע אדלער-נשמה פער׳התמ׳עט אין זייערע לייבער דאָס וואָרט: „פתח תפתח את ידך לאחיך האביון!״

אָבער מיר איצט — מיר האָבען שוין דורכגעמאַכט צוויי טויזענד יאָהר אַ לעבען פון חסד-ברויט מיט אַלע זיינע גיהנם-מאָטיוועז, דורכגעשמערצט דעם גלגל החוזר אין אַלע זיינע פאזיסען! די קללה „אביון!״ איז אין אונז איינגעזאַפּט, ווי אַ שוואָם —

איז אונז שוין דאָס נמאס ביז צום טויט, צו צוזעהען אויף איטלעכע פיר שפּאַן מענשען פון איין מאַטעריע: נשמה, בלוט און פלייש—און אַ פעסטונג איז צווישען זיי, טיף ביז׳ן תהום!

וואָס, פריינד, ניט וואָהר אפשר? ווער זעהט דאָס ניט: אויף איין זייט איז „חי״—געלעבט, ווי פאַר׳ן „עץ הדעת״, און אויף דער אַנדערער זייט איז „חי״ — ליגען אַ לעבעדיגער צעהן איילען אין דר׳ערד, נאָר קיין ווערים עסען ניט.

טייטשען מיר דעם פסוק (כי לא יחדל אביון) ניט ווי ער איז געשריבען אין משה רבינו׳ס תורה פון איצט נאָר ווי ער וועט זיין געשריבען אין זיין תורה פון דער ווייטער ליכטיגער צוקונפט: „כי יחדל אביון מקרב הארץ!״

## ג

אין הינטערגרונד פון דער אידעע: „איינ־הייט פון אלדי מענשען אויף דער ערד", ליגט דער גרויסער רעליגיעזער אמת: מחוץ די אומבעזיגטע קאנטראסטען ביי מענשען אין גייסטיגע השגות, אידעאישע ספערען און נאציאנאלע ווערטען, זיינען אלע קלאסען און פעלקער—פון איין געשטאלטיגען יחוס, גלייכע שותפים אין אלדי ווערק פון הימעל און ערד.

בעמערקונג. ביי דער טיר פונ'ם אינווייניגסטען אויער ציטערט דארט א שטימע פון נשמה'דיגער ריינקייט:

קנייטש אריין, מוטער־מענש, דיר טיף אין לייב דעם הייליגען חוב צו געבען איטלעכען איינציגען זיין רעכט און מעגליכקייט, פריי צו געניסען פון גאטס שפייכלער אויף דער ערד!

נאך אנטפלעקט זי: די עצמיות פון א מענשען, דאס „פינטעלע", איז אהן א שיער ריינער און העכער פון זיינע בעגאבונגען: זיי זענען ניט גלייך פערטיילט ביי מענשען, און די עצמיות איז איין און איינציגע ביי אלעמען גלייך.

## ד

דאס עצם לעבען פונ'ם יחיד איז געקרוינט פון זיין שורש (אור־אידעע) מיט'ן אומבעריהרטען הויך: „הייליג פאר זיך אליין!" אהן דעם צולייג „פארוואס?" (סבה) און „צוליב וואס?"

(תּכלית). פאַרדעם איז זיין ווערט ניט אונטער־געוואָרפען קיין מעסטען און קיין שאַצען, וואָס ליגט מחוץ פון איהם.

בעלויכטונג. אַלדי צילען זענען שפּינוועבס, האָבען אַ פּנים פון אַ שאָטען אויף דער וואַנד; ווי אַ פּונק לגבי אַ פלאַם, זענען אַלדי צילען לגבי דעם מיטעל־פּונקט פון דעם גאַנצען עולם ומלואו, וואָס הייסט „לעבען"!

סיידען נאָר אַזאַ ציל, וואָס איז ווערטפול פאַר אַלע צייטען און איז כּולל אַלדי מענשען, ביי אַלע זייערע פערשידענאַרטיגע טענדענצען און בענעהמונגען.

אַ מענשען איז מען ניט תּופס, ווי עפּעס אַ צופעליג פּינטעל אויף דער ערד־פּלאַנעט:

„עט, אויך מיר אַ זאַך. אַ פּינטעל אַרויף, אַ פּינטעל אַראָב — דער חשבון פון דער „מענשהייט" וועט דערפון גאָר ניט ליידען."

אַ מענש איז אַ געהענדיגע וועלט, אַ גרויס־געשטאַלטיגע, מיט איהר זון, לבנה און שטערען, שטורעמס און שטילקייטען,— ניט נידריגער פון דער גרויסער אומבעוועגליכער וועלט.

וואָס אַ אמת איז, די אומבעוועגליכע וועלט איז אַלעמאָל ביי זיך „אין דער היים", ווייס ניט פון בעטלען אויף פרעמדע שוועלען. דערפאַר איז זי אַזוי העזה'דיג, דעם מענטשנס לשון איז איהר פרעמד, אָנשטאָט צו ענטפערען איהם אויף זיינע טענות—לאָזט זי פליהען אַ שטיין איהם אין קאָפּ אַריין...

פונדעסטוועגען, ווי שלים־מזל'דיג ער איז אין זיין האַנדלען מיט דער סטיכישער וועלט, האָט ער דאָך זיין איינגעפונדעוועטע וועלט. זיינע שרעקען, זיינע רוהען ווערגערען זיך ניט אין אַ שטאָל. צווישן געפּגר׳טע הינט, אַ נאָמען מיט פּע...

סמ׳טע קריסעס. זיי בלייבען גליהען אין דער היים, אין דעם רוים פון זיין הימעל און ערד...

אלע תורות מכח דעם ווערט פון א מענשענס לעבען בלייכען לגבי דער תורת האדם פון „באחרית הימים״. זי איז די העכסטע פון זיי, די שלמות׳דיגע. נאך איהר משפט נאך זענען אלדי מיני שפאקולען פסול פאר ארייגצו-קוקען דורך זיי אין דעם ווערט פון א מענשענס לעבען.

סיי דער יחיד און סיי דער כלל,ביידע אינאיינעם זענען נאר צוויי מאטיווען פון איין געשטאלט, וואס הייסט „לעבען״. דער מאטיוו פונ׳ם יחיד׳ס לעבען איז — טיפקייט, אדער די נסתר׳דיגע זייט פונ׳ם געשטאלט; דער מאטיוו פונ׳ם כלל׳ס לעבען איז — ברייטקייט, אדער די נגלה׳דיגע זייט.

די פולע אויסלייזונג פונ׳ם מענשען ליגט, נאך דער תורת האדם נאך, אינ׳ם דורכזעצען א הארמאניע פון ביידע טענדענצען.

אינ׳ם טיפען קוק פונ׳ם יחיד זאל זיך אבשפיגלען די ברייטע בענןהמונג פון דעם כלל, און אין דער ברייטער בענעהמונג פונ׳ם כלל זאל זיך ארייגשניידען דער דורכדרינגענדער אריינקוק פונ׳ם יחיד. דאס איז איינע פון די געהויבענע בילדער אין דער צוקונפטיגער „אויס-שטעלונג״ פונ׳ם משיח-לעבען.

# ה

הייליגקייט, לעבעדיגקייט, פון גאר הויכען שעפערישען פערנעהם, איז איינגעפלאנצט אין דער ריטמישער נאטור פון גוף און נשמה. פון איהר ציהט זיין פולסטע יניקה דאס

שטרעבען פונ׳ם מענשען צו איינהייט פון גוף מיט נשמה. ריטם דאָס איז דער ברונעם פון גאָט׳ס ברכה: פרייד און גליק.

בעלויכטונג. איך האָב ליב דעם ריטם פון גוף מיט נשמה! מחמת ער איז דאָס וואונדער, וואָס רוהט אינ׳ם האַרץ פון דער נאַטור!

פאַר דעם, וואָס זיין שורש איז די אייביגע יונג־שאַפט, און טאָג־איין, טאָג־אויס באַהעפט זיך זיין קלאַנג מיט די העלע שיינען פון דער אויפגעהענדער מאָרגען־יונגשאַפט!

ווייל אין איהם זעה איך דעם לייטער פון הימעל ביז צום ווערימעל, וואָס פויזעט אין גראָז!

מחמת ריטם פערשליגט דעם אייגענעם „קרע״ (אינוויי־ניגסטע צוריסענקייט) און שמעלצט צונויף מעשים און גייס־טיקייט, דיכטונג און אידעע אין — איין גאַנצקייט.

ווייל לעבען איז — ריטם! דאָס איז גאָטס מתנה!

צוריק, צוריק גיט דעם מענשען די פון איהם אָבגע׳־גזל׳טע גאָטס מתנה!

א גאַנצע תורה בעדאַרף מען אָנצושרייבען, ווי צו מקיים זיין די „השבת הגזלה״. מיר צייכענען דאָ פאַר איהר נאָר דעם „כלל גדול״: מיט פערקאַשערטע אַרבעל פלאַנ־צען „כלאים״ פון ליכטיגקייט, גערעכטיגקייט און שענקייט אויף אַלדי פעלדער פון לעבען!

## ו

יעדער מין צוואַנג פון דרויסען איז פסול. קיין נפקא־מינה ניט, וואָס פאַר א ציל מ׳וויל דורך איהם דערגרייכען, סיי א נאַ־ציאָנאַלען, סיי א רעליגיעזען און סיי א פאָ־

ליטישען. און וואָס עס איז פּסול פון אַ אורמענשליכען מאָטיוו — דאָס איז ניט דויעהאַפט. צוואנג פיהרט צום פערבלענדעטען, ניט צום ריכטיגען ציל.

בעלויכטונג. די אַרבייט פון דער געשיכטע איז ווייט ניט קיין בלינדע, קיין סטיכישע אַודאַי ניט. זי שפּאַנט ניט ווילד. זי איז אַ בילד, אַ קונסט-בילד, פון אַ פעראייניגטער קערפּערשאַפט, וואָס הייסט מענשען-זשעני! איטלעכער טוט די מלאכה אויף זיין קאָוואַדלע, און אַלע אינאיינעם — אין איין האַרמאָנישען רינג.

אַלע ווערק פון דער היסטאָריע געהען דורך צוערשט דעם שמעלץ-אויווען פון ווילען מיט ציל. דעם וועג צום ציל מאַכט דער רצון פאַר דעם ליכט פון חכמה און גוטסקייט. און אָט די צוויי שענע גייסטער קענען כלל ניט „הויזירען" מיט דעם רויהען גייסט פון צוואנג.

דער רוח פון היסטאָריע שפּרייזט געלאַסען, אויף איהם איז ניט חל קיין שרעק פון דרויסען. זיין קוק פון דער ווייטענס נאָר בעזייטיגט די חוצפּה'דיגע, אויפגעבלאָזענע רעוואָלוציאָנערישקייט. געלאַסען געהט ער, ווי אַ ריז צווישען קאַרליקעס, אָבער די טריט זענען גרויס-שפּאַניגע. פאַרדעם דוכט זיך אויס, אַז ער מאַכט „קפיצת הדרך", מעקט און צעשטערט אָהן אַ „פאַרוואָס?" און אָהן אַ „צוליב וואָס?"

## ז

דער פּראָצעס פון בענייאונג, אויפהויבונג, איינ'ם פּאָלק קען לאַנג ניט אָנהאַלטען און קען זיך ניט ווי געהער צו זיין

ענטוויקלען פון דור צו דור, אויב גלייצייטיג נעהמט ער ניט אַרום אַלע קלאַסען און שיכטען.

בעלויכטונג. יעדער איינער איז — אַ פערזענליכקייט. איהר שורש איז—די נשמה. אַזוי ווי עס זענען פאַרהאַן מדרגות אין נשמות, אַזוי זענען פאַרהאַן מדרגות אין אינדיווידואַליטעט.

וואו אַ נשמה זאָל ניט מגולגל ווערען, צי אין אַ קוילענגרעבער, צי אין אַ ליידיג-געהער אַפילו, פערגעסט זי ניט איהר מערכה אויף דער וועלט. זי מאַהנט פונ׳ם מענשען, ער זאָל זיין באמת דאָס, וואָס ער איז: ענטפּלעקען זיין אינדיווידואַליטעט, נאָך זיין בענעהם נאָך.

אַז מ׳קוקט מיט אַזאַ אויג אויף דעם רינג פון מענשען, זעהט מען ניט אַנדערש, ווי אַז די שלמות פון איטלעכען מענשען איז נויטיג פאַר דער עליה פון דעם גאַנצען כלל; פונ׳ם טראָן-נאָכפאָלגער ביז צום קינד פון אַ דינסט.

אַזויערנאָך וועט קומען אַ צייט און ס׳וועט זיך שאַפען אַ גאָר נייער טיפּ קולטור — אַלנאַציאָנאַלע קולטור.

מחמת אַלע קלאַסען און שיכטען וועלען אין איהר האָבען אַ חלק, איטלעכער נאָך זיין ערך נאָך.

## ח

רעגולירען די צייט, בעדינגונגען פון אַרבייט, אויף אַלע צווייגען פון סאָציאַלער און עקאָנאָמישער ציוויליזאַציע אַזוי, אַז איטלעכער איינציגער זאָל האָבען די פולע מעגליכקייט צו קומען אין לייבליכער בע

דירונג מיט זיין פרייען אומאבהענגיגען „איך"; נהנה זיין פון דער ריינער געזונטער נאטור; עטעמען מיט פולער ברוסט די לופט פון דעם אייביגען „פארהאַי".

## ט

ענטוויקלען ביי אידען דעם עכטען דעת, דעם אומשולדיגען געפיהל, אז אין ריינע הייראטס-בונדען טאָר יחוס אבות ניט האָבען די אויבער-האנד; סיי יחוס פון עשירות, סיי יחוס פון גדולה און אפילו ניט יחוס פון תורה אָדער חכמה. איין איינציגע טענדענץ דעצידירט: הארמאָנישקייט פון כאַראקטער, בענעה־מונג, ערציהונג, טיילווייז אויך פון אויסערליכער סימפּאַטיע. אין דער האַר־מאָנישקייט ליגט דער סוד פון גליק פאַר ביידען: ליבשאפט און גאנצקייט.

## י

לייטערען פון אומרעכט, פון אומריינ־קייטען די אייגענע אינוויניגסטע סביבה פון'ם גייסט, וואו דער עין שׂל מטה דער־גרייכט אפילו ניט.

בעלויכטונג. „עטיק" – האלט מען – האָט צו טאָן

נאָר מיט די פליכטען פון „מיר‟ צום „אַנדערען‟. אויב אָבער, למשל דער „אַנדערער‟, דאָס הייסט די געזעלשאַפט. איז אַוועק פון אונז צו געוועלטיגען „אויף שטיינער און ביינער‟, — דאַן האָט די „עטיק‟ ניט אויף וועמען חל צו זיין און בלייבט הענגען אין דער לופטען, צווישען הימעל און ערד...

אַ טעות! ער קומט דערפון, וואָס מען טוט אָב די השגחה פון איבער זיך אליין. און אַז עס אַהרט ניט-וואָס עס טוט זיך ביי זיך אין דער היים, קען מען ניט זיין קיין „שיסער‟ אינ'ם חבר'ס היים.

אַ חוץ דער אַרומיגער „געזעלשאַפט, איז דאָ ביי איטלעכען מענשען אַ אינוויינסטע „געזעל-שאַפט.‟ אין איהר קאָכט אויך תּמיד, ווי אין אַ קעסעל; ווי אין דער אַרומיגער, אַזוי שפּילט זיך אָב אויך אין דער אינ-וויינגסטער געזעלשאַפט, אין „די לעכער און שפּאַלטען‟, אַ קאַמף פאַר דעם „דאזיין‟ פון ליכט, אמת און נשמה.

אָבער די סאָציאַלע עטיק לאָזט איבער אויף הפקר דעם שלאַכט-פעלד, וואָס איז דאָ אין דער פנימיות'דיגער אָרגאַני-זאַציע פון יעדען מענשען. איהר אַהרט דאָס גאָרניט, ווער עס וועט געווינען דעם „דאזיין‟, צי דער שר פון ליכט, צי דער שר פון פינסטערקייט; דער „יצר-טוב‟, צי דער „יצר-הרע‟.

אַנטקעגען דעם סטיל אין דער תּורה פון עטיק שטעהט אויף די אידעע פון „התגלות האדם‟.

איהר וואָרט איז קורץ, פול און שאַרף:

„זיי אַ מענש, אומעטום גלייך, אין די ספערען פון דיין „אין-זיך'דיגער‟ אָרגאַניזאַציע אַזוי גוט, ווי אין קרייז פון דער אַרומיגער אָרגאַניזאַציע!‟

דאָס איז די גרויסע אידעע פון קדושה ביי מענשען;

דער גאוֹנישער גייסט פון דער אידישער נבואה האָט דער פרשטער זי איינגעוועבט אין דעם אידעאַל פון עטיק. שפּעטער איז זי אַמשאַרפסטען אויסגעשיינט אין חסידות.

הייליגקייט איז דאָס אייגענע, וואָס אינטימישקייט: ריינע, שענע, ליכטיגע אינטימישקייט.

# קאַפּיטעל יא.

## בריקען.

### א

אַז דער ציל אונזערער איז שוין קלאָר, מאַטערט אונז פֿרשט אַ גוואַלדיגע האַרבקייט: ווי אַזוי אַרבייט מען זיך אַרויף צו דער קונסט פון פערלייגען אינ׳ם לייב אַ שליאך פון „אני מאמין!״ צום „אני עושה״?

אין דער האַרבקייט טרינקען מיר זיך איבער׳ן האַלז, נאָר אָן אַ שטרוי וועלען מיר פונדעסטוועגען זיך ניט אָנכאַפּען! מ׳שפּאַלט ניט קיין ים מיט אַ פּלאַקען, וואָס אויף איהם איז אויסגעקריצט דער „שם המפורש״ פון „פּראָגראַם״.

טיילמאָל וואַרפען מיך די כוואַליעס פון דער האַרבקייט אַריין אין אַ פיבער פון נישטיקייט, פון אויבען רעגענט אַ בלייענע טונקעלקייט, און דער גאַנצער חלל איז אין איהר פערשלונגען. נאָר די זון טוט זיך איהרס, און די שטערען אויך, ווינקען אויף אַלע זייטען מיט אַ חן, וואָס טוט אַ ציה דאָס האַרץ מיט איינמאָל אויף הונדערטער מייל... פון זייער חן שטראַהלט אויס אַ קלונג, וואָס רוימט מיר איין אין אויער:

ה אַ ר ב ק י י ט ב ר ע כ ט ה אַ ר ב ק י י ט!

דעם קלונג פערטייטש איך מיר אַזוי: וואָס נאַקעטער מ׳דעקט אויף די האַרבקייט פון אַ ביטערען אמת, אַלץ מעהר פערלירט זי אין וואג. וואָס ברייטער מיר׳ן אויפוויקלען פאַר זיך אַליין דעם אָבגרונד צווישען „גלויבען״ און „טאָן״, אַלץ הייסער ווערט אין אונז גליהען דער חשק צו איינמויערען אינ׳ם בעוואוסטזיין דעם „מ ו ז״ פון „אַסימילירען״ זיי, איינקלאַמערען „תורה״ אין „חיים״.

אַ לעבעדיגע וועלט שאַפט זיך נאָר פונ׳ם זעצען מיט׳ן האמער „אומר״ אויף דער „קאָוואַדלע״ „ועושה״, און אין דער קונסט ליגט דאָס „פינטעלע מענש״.

אמת! אָבער מיט וויפיל בלוט און שווייס בעגיסען זיך די גרויסע יחידים אַפילו ביז זיי טרעטען איבער דאָס „ברי־קעלע״ פונ׳ם ווילען צום טאָן! ביז זיי קלעטערען אַרויף צו דעם פאַרנאַס, מאכען זיי דורך א מורא׳דיגען „גלגול מחלות״, איבערדרעהענדיג זיך זיבען און זיבעציג מאָל מיט׳ן קאָפּ אַראָב און די פיס אַרויף!

## ב

אַ שטימע שפּאַנט איבער די בערג און טאָלען פון דער אינווייניגסטער וועלט:

מיט די שקלים פון וואָרט אַליין קויפט מען נאָך ניט דעם הימעל!

מיטן קאַלטען פרק שירה וועגען „גאולה״ שווענקט מען ניט אָב דעם שטויב פון דער וועלט!

און דער שווייס פון פנים וועט נאָך אַלץ רינען אין רינשטאָק!

פער׳חתמ׳ענען אין בעוואוסטזיין, איינפלאַנצען אין געפיהל

דעם עצם הויך פון „באחרית הימים"—דאָס איז נאָר אַ מ ד ר ג ה אין דער באהעפטונג פון אַ מענשען מיט'ן געדאַנק, אָבער דער־מיט אַליין האָט ער נאָך ניט זיין וועלט אין בוזעם!

חלום ניט, מוטער־מענש, מיט דעם כח פון בלויזען וואָרט צו קויפען זיך א ו נ ש ט ע ר ב ל י כ ק יי ט אין דער קייט פון די להבא'דיגע דורות!

אַז דער פלאַם פונ'ם געדאַנק שטייגט, ביז ער ווערט אומגעוואנדעלט אין אַ תאוה צו „מוסקוליזירען" זיך אין מ ע ש י ם,— דעמאָלט ערשט ברעכט ער דורך די וו אַ נ ד צווישען דער גייסט־ספערע און די ספערען פון „מעשים בכל יום", און במילא פערקניפּט זיך אַ אינווייניגסטער „אויסטויש" צווישען די ביידע ספערען.

אונשטערבליכקייט וואַקסט אויס נאָר פון אַ זעעלישען צונויפפּאָרען אַ ג ע ד אַ נ ק פ ו ן אַ ע ו ל ם ו מ ל ו א ו מ י ט אַ ט אַ ט פ ו ן אַ ע ו ל ם ו מ ל ו א ו!

דער חיות פון אַ נביאישער אידעע שטורעמט פריי, ווי דאָס האָרץ פון דער נאַטור, און קען זיך ערגעץ ניט „איינ־הויזירען", סיידען נאָר אין אַ בעוועגונג פון נביאישער מאס, וואָס אָטעמט ברייט מיט כוואַליעס פון באַרג־לופט.

## ג

איינער פון די זיכערע שליסלען צום אויפמאַכען די הערצער פאַר אַ אידעאַלער בעוועגונג איז א ו י פ ר י כ ט י ג ע ב יי ש פ י ל ע ן פ ו ן א יי ג ע נ ע ם ל יי ב: נעהמען דעם האַמער אין האַנד און שמידען דעם אידעאַל אויף דער קאָ־וואַדלע פון ט ו א ו נ ג טאָג־איין, טאָג־אויס!

אָבער (און די השגה בעדאַרף מען איינוועבען אין די



אלינוו.ולף

פעדים פון לייב) מ׳טאָר ניט זיין אָבגעשלאָסען פון אַלע מחנות אינ׳ם כלל-ישראל!

אדרבה, גאָר דער היפך: זיין אונטער איין דאַך מיט אלעמען און אלצדינג אין דער וועלט, אונטער׳ן דאַך פון דער אין-סופ׳דיגער הויכקייט און ווייטקייט אָהן אַ ברעג; אונטער דעם דרייפאַכיגען הימעל פון „לעבען און ליכט און נשמה״!

מ׳דאַרף ניט טרומייטערען אין די גאַסען פון זונען-אויפגאַנג ביז זונען-אונטערגאַנג, ווי די כּהני-הבעל האָבען געטאָן!

פאַר יעדען איינעם איז שוין קלאָר, אַז מיר מיינען ניט אַרויסצופיהרען אויף דער אידישער גאַס נאָך אַ פרישע פּאַרטיי. פאַר אַלע אידישע מחנות זענען אפען טיר און טויער צו דער בעוועגונג פאַר דער „ענטפלעקונג פונ׳ם מענשען״. מחמת איטלעכער איד איז מסוגל צו פיהלען די שענע מתיקות פון אַ משיח-לעבען, אפילו ניט קיין „פיינשמעקער״.

האסט, מוטער-מענש, גאָטס שיין אין הארצען און בעגערסט איהם צו האָבען אין לייב אויך—איז דאָס אַ זאַך, וואָס ליגט אין דיינע פיר איילען.

וואָס טיף איז ביז׳ן תּהום און ברייטער פון ים און נעהענטער צו די ריינע מדרגות פון אמת,—אַלץ גרינגער איז דאָס צו „צערקייען מיט די ציין״, אַ סך גרינגער פון די תּורות, וואָס דער „האָר פון שכל״ געוועלטיגט אין זיי.

# ד

אַ וויכטיגער זייל פון דער בעוועגונג איז—אָרגאַניזאַציע; איינע פון איהרע גרונד-נוסחאות. איך וועל דאָ אָנצייכענען איהרע בעזונדערע שטריכען.

א. פונ'ם ערשטען שפּאַן אָן בעדאַרף די אַרבייט צו זיין אַ טיף דורכגעטראַכטע, ענטשפּרעכענד אין מאַסשטאַב און מאָס דער הויך פון ציל.

ב. די מעטאָדען פון דער אַרבייט בעדאַרפען זיין צוגעפּאַסט צו די קרוין-שטריכען פון דעם משיח-אידעאַל.

ג. קוקען מיט זיבען אויגען, אַז די בעוועגונג זאָל ניט אָבנויגען פון איהר גאַנג אין דער זייט.

ד. שמידען די דיסציפּלין אין דער אָרגאַניזאַציע פונ'ם אייגענעם אייזען: ענטוויקלען דאָס געפיהל פון זעלבסט-צוואַנג דורך מאַכען געוועלטיגען אויף זיך דעם פרייען ווילען מיט זיינע דריי ליכט-טורעמס: ליכטיקייט, אמת און גערעכ-טיקייט.

ה. די האַנד אויסגעשטרעקט צו אַלע ריכטונגען, מיט אַ גוט אויג צו אַלעמען, אָבער איינצייטיג האַלטען דעם שליסעל פון דער בעוועגונג אין די אייגענע הענד.

ו. ניט קוקען, ווי דער עולם שאַצט איהר ווערט. ניט ענטפערען אויף אַ פּוסטען אָנפאַל פון „ארום״. אויף אַ שאלה „כּעניך״ ענטפערען „כּהלכה״.

ז. פער'חתמ'ענען אין זכרון דעם כּלל גדול פון דער תורה: טאָן און רוקען זיך אין גייסטיגקייט און מעשים וואָס העכער, וואָס טיפער.

ח. איינפלאַנצען אין איהרע אָנהענגער דאָס געפיהל פון אחריות: איטלעכער—פאַר אַלעמען, אַלע—פאַר איטלעכען.

ט. דאָס אויפשטעלען דעם בנין פון דער אָרגאַניזאַציע איז ניט געבונדען מיט דער דעה צו דערגרייכען דווקא דעם ענד-ציל. אין איהר פונדאַמענט ליגט נאָר דאָס גרויסע וואָרט: „געהן!"

# ה

איך האָב זיך ניט פערמאָסטען דאָ אין דעם בוך אויס-צושעפּען אַלע פּרטים וועגען דעם פּרצוף פון דער געבּענק-טער בעוועגונג. זאָל עס זיין אַ פעסטער אָנהויב. איך האָף נאָך אומצוקעהרען זיך צו דער טעמע. ווען איך איצט ניט מצליח זיין אָנצוקלאַפּן אין דער ריכטיגער טהיר, וועל איך ווידער אָנקלאַפּען מאָרגען, איבערמאָרגען...

אָבער זיכער פערשטעהט יעדער איינער, אַז אויף יעדען פאַל איז דאָס בוך נאָר דער ערשטער שפּאַן ביים אַרויספיה-רען דעם געדאַנק אין גאַס אַריין. נאָך דעם ערשט הויבט זיך אָן דער עיקר פעלד-אַרבייט: אַקערען, יעטען און זייהען מיט דער הילף פון וואָרט און שריפט.

וועגען דער פאָרם פון אונזער קומענדיגען בוך-וואָרט (ערציהען די „קונסט פון צמצום" אין ליטעראַרישען וואָרט); צוגלייך וועגען אַרויסגעבען סעריעס ספרים פון די אויסדער-וועהלטע ווערק אין די „פינף פריהלינגס"*) פון אונזער גע-שיכטע, — וועגען דעם וועט אַריין אינ׳ם קומענדיגען בוך אַ בעזונדער אָבהאַנדלונג.

*) קוק אַריין קאַפּיטעל ו.